STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11070

IN KAMF FAR REKHT

V. Bernshtam

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שילער-ביבליאָטעק

פאַר קינדער פון העכערן עלטער

וו. בערנשטאַם

אין קאַמף פאַר רעכט

ייִדיש — מ. ר.

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק — 1931
װײסרוסישע אָפּטײלונג

דרוקערײַ א. ב. סטאַלין
באשט. 775. טיראַזש· 3000.
גלאַװליטבעל 250.

א וויכטיק ביכל פֿארן יונגן דאָר.

מיר פֿילן נאָך ביז הײַנט א גרויסן מאנגל אין א גוט קינסטלעריש ביכל פֿאר דער שול־יוגנט, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען און באקאָנען דעם נײַעם אונטערוואקסנדיקן דאָר מיטן קאמף פֿון פּראָלעטאריאט קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג און פֿאר דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע.

און דעריבער וועט דאָס ביכל פֿון ו. בערנשטאם „אין קאמף פֿאר רעכט" אין דער יידישער איבערזעצונג ברענגען א גרויסן נוצן אַף דעם געביט. באזונדערס איז דאָס ביכל אינטערעסאנט מיט דעם, וואָס דער מעכאבער מאָלט אונדז דאָ אָן א גאנצע סעריע לעבעדיקע עפּיזאָדן פֿונעם אָווער, ווען דער צאריזם האָט ברוטאל און אכזאָריעסדיק אונטערדריקט יעדער רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונג פֿון ארבעטער און פּויערים. דאָס זײַנען עפּיזאָדן פֿונעם קאמף פֿון די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער און פּויערים קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג אין די לעצטע יאָרן פֿון 19־טן יאָרהונדערט.

דאָס ביכל דעקט פֿאר אונדז אוף איין קלײַן ווינקעלע פֿונעם צארישן ווילקיר, פֿון דער רעכטלאָזער לאגע פֿון דעם ארבעטער און פּויער אין דעם צארישן רוסלאנד. דאָס שרײַבט אן ארבעטער־אדוואָקאט, ווי ער רופֿט זיך אָן, צו וועלכן עס פֿלעגן זיך סיסטעמאטיש ווענדן רעוואָלוציאָנערע ארבעטער און פּויערים, וועלכע זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט פֿאר רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט. כאָטש מיר האָבן דאָ פֿאר זיך א קלײַן ווינקעלע פֿון דעמדאָזיקן קאמף, דאָך באקומען מיר א געוויסן בילד וועגן די רעוואָלוציאָנערע קאמפֿן אין יענע יאָרן.

נאָך א גרויסע מײַלע פֿונעם ביכל. עס איז אינטערעסאנט, קורצע עפּיזאָדן, עס איז שארפֿזיניק, פֿול מיט הומאָר און סארקאזם. עס איז געשריבן מיט א לײַכטער און פֿלינקער פֿען און פֿארכאפּט דעם לייענער. די פּערזאָנען זײַנען ניט קיין אויסגעטראכטע, נאָר לעבעדיקע מענטשן.

דאָס אַלץ רעדט וועגן דעם, אז דאָסדאָזיקע ביכל וועט ברענגען זייער גרויסע נוצן פֿאר די עלטערע שול־קינדער, עס וועט זײַן א נוצלעך ביכל פֿאר די שול־ביבליאָטעקן. דערהויפּט איז עס וויכטיק פֿארן יונגן דאָר, וואָס דידאָזיקע געשעענישן זײַנען שוין פֿאר אים א שטיק געשיכטע.

א י ב ע ר ז ע צ ע ר.



„מאַקסוועלער איניען“.

אין 1896—1898 יאָרן האָט דער פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער קלאַס, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן דורך לענינען, אָנגעמערקט געלונגען פאַר זײַן אַקטיווער אַרבעט אין פּעטערבורג דעם זאַוואָדישן ראַיאָן הינטער נעווער זאַסטאַווע. דער ראַיאָן איז פאַנאַנדערגעוואָרפן אין א לאַנגער לענטע איבערן שליסלבורגער פּראָספּעקט אויף די ברעגן פון נעווא. דאָ זײַנען שוין דענצמאָל געווען קאָנצענטרירט די פאַרשיידנאַרטיקע פאַבריקן און זאַוואָדן. אין יענע צײַטן האָבן אין דעמדאָזיקן ראַיאָן געוווינט בא 60,000 אַרבעטער.

אין א גרויסער פינפשטאָקיקער קאַזאַרמע פון דער פאַראייניקטער פּעטראָווסקער מאַנופאַקטור האָבן געוווינט העכער 700 אַרבעטער־געזינדן. זי איז געלעגן איינזאַם אין דער טיף פונעם פאַבריק־הויף, הינטער א גרויסן סאָד, וואָס איז שוין געווען באַשטימט, געוויינטלעך, נאָר פאַר דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע. פאַר די אַרבעטער־קינדער און פאַרן געזעלשאַפטלעכן באַנוץ איז דער סאָד געווען געשלאָסן.

צו דער קאַזאַרמע האָט געפירט א באַלויכטענע, לאַנגע, שמאָלע, נאָר א גלײַכע געסל צווישן שכיינעסדיקן פאַרקאַן און סאָד־צאַם.

אדאנק דעם איז ווינטער־צײַט זייער גרינג געווען צו באַמערקן די דערנעענטערונג פון דער פּאָליציי פון די זײַטיקע פענצטער פון קאַזאַרמע.

אינעווייניק אין קאַזאַרמע פון עטאַזש אין עטאַזש האָבן געפירט ברייטע טרעפּ. זייער גרויסן פירעקיקן מעהאַלעך אין יעדן עטאַזש האָבן אַרומגערינגלט מיט א פירעק די באַלקאָנען פון די אָפענע טרעפּ. דעריבער זײַנען די טרעפּ געווען „אונטער דער באַשיצונג“ פון די פלעצער, און דעם, וואָס האָט

גערעדט אין מיטעלן עטאזש, האָט מען זייער גרינג געקענט הערן פון אלע זייטן, פונקט ווי אין די יארוסן פון טעאטער.

אין דער נאכט אפן 14־טן דעקאבער 1898 יאָר האָט זיך פון די פלעצער פון די טרעפ דערהערט א קלינגענדיקע פרויען־שטים:

— כאוויירים, אף די טרעפ!

די ארבעטער האָבן זיך א שאָט געטאָן אף די באלקאָנען.

די יונגינקע 16־17־יאָריקע מארינע האט געהאלטן א הייסע רעדע וועגן דער נייטיקייט דערקלערן פון פרימאָרגן א שטרייק און דערשלאָגן זיך בעסערע ארבעט־באדינגונגען, פארקירצן דעם ארבעט־טאָג און פארגרעסערן דעם פארדינסט.

קיינמאָל וועל איך ניט פארגעסן די באגייסטערונג, מיט וועלכער די טעקסטיל־ארבעטערנס האָבן מיר דערציילט וועגן אָט דער רעדע. פונקט ווי א נייער פאזיס פון באוווסטזיניקן לעבן האָט זיך בא זיי אָנגעהויבן נאָך איר...

געענדיקט די רעדע, האָבן מארינע און אייניקע אירע כאוויירים גענומען פאנאנדערוואַרפן פראָקלאמאציעס.

די פראָקלאמאציע איז פאר יענער צייט, ווען מע האָט באדארפט ברענגען אין באוועגונג די שלאָפנדיקע מאסן, געווען אויסגעצייכנט צונויפגעשטעלט. עס איז קאָנטיק א גרויסע, זייער פונקטלעכע באקאנטשאפט מיט אלע איינצלהייטן, מיט די קלענסטע דעטאלן פון די ארבעט־באדינגונגען אין יעדן וואַרשטאט.

„אזוי ארום, מאָנטיק דעם 1־טן, וועלן מיר דערקלערן אונדזערע פאָדערונגען. מיר פאָדערן פאר דער וועבערײַ (ארויסגעשטעלט פיר פאָדערונגען), פאר דער שפינערײַ (ארויסגעשטעלט פינף פאָדערונגען). ווייטער גייען די אלגעמיינע פאָדערונגען: „1) אָנהייבן די ארבעט 7 אזייגער פרי, 2) ארייַנטראָגן אין טאבעל די אלע יאָנטויווים, וועלכע זייַנען אָפגעשאפט געוואָרן דורכן געזעץ פון 2־טן יוני, 3) די מאשינעס רייניקן אין דער ארבעט־צייַט, 4) אריינלאָזן אפן פאבריק נאָכן פייַף אין יעדער צייַט און פאר פארשפעטיקן אָפרעכענען אין העסקעם מיטן פארדינסט, אָבער ניט אָפזאָגן דערפאר פון דער ארבעט".

פון אינדערפרי איז די פראָקלאמאציע פאנאנדערגעוואָרפן געוואָרן אויך אין די געבייַדעס פון פאבריק.

דעם 14־טן דעקאבער האָבן די ארבעטער זיך אופגעקליבן אף דער פעטראָוו־סאָסער מאנופאקטור און שוין אין א שאָ ארום נאָכן מיטיק־איבערייַס געוואָרפן די ארבעט און זייַנען מאסנוויַז ארויס פון די פאבריק. געווען

זײַנען זיי העכער 2000 מאַן. נאָר זיי איז אויסגעקומען שוין טייקעף זיך פֿאַנאַנדערגיין איבער די הײַזער אונטערן דרוק פֿון אַ שטאַרקער פּאָליציישער מאַכנע.

מע דאַרף באַמערקן, אַז די פֿאַבריק האָט שוין ביז יענער צײַט, קאָנטיק, געווענדעט איר אויפמערקזאַמקייט אויף דער פֿאַרשטאַרקטער פּראָפּאַגאַנדע פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון קאַמף פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון אַרבעטער-קלאַס הינטער דער נעווער זאַסטאַווע, און האָט דעריבער געשיקט אויף דער פּעטראָוו-ספּאַסער מאַנופֿאַקטור צוויי פּראָוואָקאַטערן. ביידע זײַנען זייער שנעל אויפגעדעקט געוואָרן. איינער פֿון זיי האָט געפּרוּווט איבערצײַגן די אַרבעטער טייקעף צו טרעטן צום שטרײַק, ניט אָרגאַניזירט—יעדער איינציקער באַזונדער. נאָר די באַוווסטזיניקע אַרבעטער האָבן שוין געהאַלטן אין זייערע הענט דעם וואַרשטאַט, און זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן אונטער זײַן ווירקונג. ווען די אַרבעטער האָבן אָנגעהייבן דעם שטרײַק נאָכן מיטיק-איבעררײַס, האָבן זיי באַמערקט, אַז יענער, וואָס האָט זיי „אײַנגערעדט“, איז איינער אַליין געבליבן באַם וואַרשטאַט. צו אים זײַנען צוגעגאַנגען צוויי באַוווסטזיניקע אַרבעטער. זיי האָבן גענומען געבן אָנצוהערעניש דעם פּראָוואָקאַטער, אַז ער האָט אָפּגענאַרט. דערנסטפֿאַל האָט יענער אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער און האָט שווער פֿאַרוווּנדעט ביידע אַרבעטער. איינעם האָט ער צעמאַזיקט דעם בויך, דעם צווייטן האָט ער צעפּאַטשעוועט אויף שטיקער. ביידן האָט מען טייקעף אַוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל.

נאָכדעם, נאָך אַ לאַנגן היילן, האָבן זיך די ביידע אַרבעטער געווענדעט צו מיר. איך האָב זיי צונויפגעשטעלט אָנקלאַגעס צום פּראָקוראָר, איך האָב זיך מיט אַלע קויכעס געוואָלט דערשלאָגן, מע זאָל צוציִען דעם פּראָוואָקאַטער צום געריכט, נאָר דערפֿון האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן... דער צאַרישער געריכט האָט ניט געפֿונען קיין באַשולדיקונג-מאַטעריאַל, און דער איניִען איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן צוליב „זעלבסטשוץ“... אַ שיינער זעלבסטשוץ—מיט אַ מעסער קעגן פֿרידלעכע רייד אין אַ פּוסטן וואַרשטאַט!

דעם 15-טן דעקאַבער זײַנען די אַרבעטער ווידער געקומען צו דער אַרבעט. נאָך באַטאָג האָבן זיי זיך אויפגעזאַמלט אין אַ האַמוין בײַ דער פֿאַבריק-געבײַדע. מע האָט אויסגעוואַרט, וואָס וועט ווײַטער זײַן.

עס איז געקומען צופֿאָרן דער פֿאַבריק-אינספּעקטער. מע האָט זיך געווענדעט צו אים. דער אינספּעקטער האָט פֿאָרגעלייגט אַרויסשיקן פֿאָרויס דרײַ-פֿיר רעכטע מענטשן אויף אונטערהאַנדלונגען. מע האָט אַרויסגעשיקט. אין אָט דער צײַט האָבן זיך אומדערוואַרט פֿאַר אַלעמען דערהערט געשרייען:

— מע פֿאָטאָגראַפֿירט, פֿאָטאָגראַפֿירט, היט זיך!

אין פֿאַבריק-פֿענצטער איז געשטאַנען אַ גרויסער פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט, לעבן וועלכן עס האָבן זיך געפּיסעקט ציווילע און אָקאָלאָדאָטשנע.

דער האַמורין איז זיך צעלאָזן. א טייל אַרבעטער איז אַוועק צום סטעאַרין־זאַוואָד. דאָ איז די אַרבעטער, וואָס זײַנען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט פאַרן פאָטאָגראַפירן, אַרײַנגעפאַלן אין די הענט א פּאָליציי־אויפזעער פון דער אָכראַנקע. מע האָט אים דערקאָנט. מע האָט אים גענומען אָנלייגן די זײַטן. אַן אָקאָלאָדאָטשנער, וואָס איז גראָד דורכגעפאָרן אַפן קאָנקע, האָט צוזאַמען מיט א קאָנדוקטער אָפּגעשלאָגן דעם פּאָליציי־אויפזעער, און זיי האָבן פאַרהאַלטן איינעם פון די אָנפאַלער. יענער האָט אָנגערופן פיר נעמען פון די, וואָס זײַנען געווען מיט אים, אָנווײַזנדיק, אַז זיי וווינען אין דער קאַזאַרמע פון דער פּעטראָוו־ספּאַסער מאַנופאַקטור.

לויט דער באַפולמעכטיקונג פונעם פּריסטאַוו פון שליסלבורגער צירקל נ. פּ. באַראַטש, האָט זיין געהילף געשיקט פיר אָקאָלאָדאָטשנע אַף אַרעסטירן די אָנגערופענע, נאָר יענע האָבן זיך אומגעקערט מיט גאָרניט, ווײַל די אַרבעטער האָבן זיי ניט צוגעלאָזן, געדראָט שלאָגן מיט פלעקער, געראַעשט און געפײַפט.

דערנסטמאָל האָט באַראַטש געשיקט דעם געהילף אין דער באַגלייטונג פון דיזעלבע פּאָליציי־לײַט און א נאַריאַד גאָראָדאָוויעס, נאָר אויך דער געהילף האָט זיך שנעל אומגעקערט אין צירקל מיט א ראַפּאָרט, אַז עס איז פאַר קיין פאַל ניט מעגלעך אַרײַנגיין אין הויז, „צוליב דער שרעקלעכער אויפגעבראַכטקײַט פון די אַרבעטער, וואָס דראָען מיט פאַרשיידענע גוואַלדטאַטן.

די אַרבעטער זײַנען, בעעמעס געווען זייער אויפגעבראַכט. א גאַנצע נאַכט האָט זיך קיינער ניט געלייגט שלאָפן. מע האָט געבלאָנקעט איבער די טרעפּ און קאָרידאָרן, אָפּוואַרטנדיק ווען די פּאָליציי וועט ווידער קומען. מע האָט זיך געזאַמלט מאַסנווײַז. עס איז געשטאַנען א האַרמידער פון שטימען...

נאָר די פּאָליציי האָט אויך ניט געשלאָפן: עס איז אַוועק באַראַטש אַליין. א טייל אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשפּאַרט באַם גאַניק, אַנדערע זײַנען געשטאַנען בא די באַלויכטענע פענצטער, געפײַפט, געשריען. אין דעם אַלגעמיינעם טומל האָט מען בלויז איינציקע מאָל געקאָנט אונטערשיידן באַזונדערע דראָונגען און זידלערײַען.

איינס באַנאַכט האָט באַראַטש וועגן דעם דערלייגט דעם שטאָט־נאַטשאַלניק און דעם פּאָליצמייסטער.

אַפן אָרט איז אַרויסגערופן געוואָרן א פוסגייער־ און קאַוואַלעריע־אָטריאַד פון פּאָליציי בא 200 מאַן און כוץ דעם אַן עסקאַדראָן זשאַנדאַרמען. עס איז געקומען דער פּאָליצמייסטער אַליין אויך.

די אַרבעטער האָבן געוואַרט.

אַלע פענצטער זײַנען געווען באַלויכטן, אַלע לופטלעך אָפן, פון זיי האָט

זיך געטראָגן א בײַנערײַ, װידלערײַ, קלאָלעס. עס האָבן זיך געהערט שטי־מען:

— אונדז א טויט און אײַך א טויט!

װען דער אָטריאַד האָט זיך דערנעענטערט צו דער געבײַדע, האָבן די ארבעטער פארשלאָסן די ארײַנגאַנג־טירן.

בוראַטש האָט מיט װילדקײַט געהאקט די טירן מיטן שווערד. איך האָב געזען סימאָנים אף די טירן.

די טירן האָט מען אויסגעבראָכן. דער פּאָליצײַ־אָטריאַד האָט זיך גענומען רוקן ארוף. די ארבעטער האָבן זיך אויסגעשטעלט אף די פּלעצער־באַלקאָנען, װאָס אף די טרעפּ פון אלע פינף עטאזשן, און האָבן פארשאָטן דער פּאָליצײַ מיט שײַטלעך האָלץ. דענסטמאָל האָבן די פּאָליצײַ־לײַט, זיך צודעקנדיק מיט אָפּגעריסענע טירן, אײנציקװײַז, אײנער הינטער דעם אנדערן, זיך געלאָזן גײן איבער די טרעפּ, צוגעטוליעטע צום װאנט.

דער צאָרן פון די ארבעטער איז געװאָקסן. זײ האָבן באשאָטן די פּאָליצײַ ניט נאָר מיט שײַטלעך האָלץ, פּלעשער, שטיקער שטוקאטורקע, נאָר אויך מיט אײַזערנע עמערס, מיט פּאָמוניצעס, ניט געזשאלעװעט קײן טאבורעטקעס, בענקלעך, האָבן אראָפּגעריסן די טירלעך פון די אלמערס, אלץ, װאָס איז גע־קומען אין האנט...

װען די פּאָליצײַ האָט גענומען אן עטאזש, האָבן זיך די ארבעטער צעלאָפן איבער די צימערן, זיך געלײגט אין די בעטן און זיך געמאכט שלעפערדיק.

די פּאָליצײַ האָט ביסלעכװײַז באהערשט די גאנצע קאזארמע. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נישטערן איבער אלע צימערן. מע האָט ארעסטירט פארשוויצטע, צערויטלטע, װאָס זײַנען געלעגן אָנגעטאָנענע און „פארדעקטיקע אפן קוק".

דער פּריסטאַוו בוראַטש איז ארומגעפלויגן איבער דער געבײַדע מיט אן אנטבלויזטן שווערד און האָט געשריִען: „האקט זײ אין קרויט!"

און דענסטמאָל האָט זיך אָנגעהייבן א שרעקלעך זדיעקעװען איבער די ארבעטער.

א גרויסן טייל ארבעטער האָט מען, ניט איבערגעבנדיק דעם געריכט, ארויסגעשיקט פון פּעטערבורג. צום געריכט האָט מען איבערגעגעבן ניט מער װי 15 מאַן.

פון די ארעסטירטע ארבעטער האָבן זיך צו מיר טײקעף געװענדעט דער הויפּט־באשולדיקטער פּיאָדאָר פּיליפּאָװ.

אים האָט באשולדיקט דער פּראנקע־אגענט פּיאָדאָר אודײעװ אין דעם, אז אפן דריטן עטאזש האָט ער זיך דער ערשטער געװאָרפן צו די האָלץ, און

כאפנדיק עטלעכע שײַטלעך, האָט ער דער ערשטער גענומען וואַרפן מיט זיי אױף דער פּאָליציי. כּוח דעם, האָט מען אים ארעסטירט סאַמע אינדערהויף, אויפן פינפטן שטאָק, אין א פרעמדן צימער, אינגאנצן א נאסן. דעם עמעס זאָגנדיק, האָט פיאָדאָר געוואָרפן מיט די פלאכעס ניט שלעכט, און דעריבער איז ער אויפן באשולדיקונג־באנק געזעסן פאָרויס פאר אלעמען.

בא מיר האָט זיך אײַנגעהיט זײַן כאראקטעריסטישער בריוו פון ארעסט־הויז, ווו ער בעט וועגן פארטיידיקונג.

פיאָדאָר פיליפּאָוו שרײַבט, אז ער איז געווען בא מיר פאר נײַ־יאָר וועגן אן איניען מעקויעך אופמאָנען ניט־געזעצלעכע באשטײַערונגען, אז דערווײַל איז קײַן ענטפער אויף מײַן אָנקלאָגע ניטאָ, ער באומרויִקט זיך זייער שטארק דערפון און פארענדיקט: „מע באשולדיקט מיך איבער באזונדערס וויכטיקע איניאָנים. פאר קעגנשטעלן זיך דער פּאָליציי. איצט איז דער איניען דערגאנגען צו דער פּאַלאטע”.

די צוויי יאָר פון מײַן ארבעטער־אדוואָקאטישער פּראקטיק הינטער דער נעווער זאסטאווע האָבן זיך גלײַך געלאָזט פילן. איך בין ארײַנגעפאלן אין צענטער פון איניען. צו מיר האָבן זיך געווענדעט די פרויען און נאָענטע פון אלע באשולדיקטע אין דעם איניען און פון די אלע, וועמען מע שיקט ארויס אדמיניסטראטיוו. עס האָבן גענומען גיין זייערע פרײַנט, איידעס.

וויקטאָר פּאוולאָוויטש נאָגין האָט באוויזן נאָך ביזן ארעסט און ארויסשיקונג צושיקן צו מיר די איידעס, וועלכע קאָנען קלאָר מאכן די געזעלשאפטלעכע זײַט פון איניען — וואָס פּאָליציי האָט געשלאָגן ארבעטער. פארשטייט זיך, איך האָב אליין אויך געזאמלט אזעלכע מאטעריאלן.

אדאנק דעם זײַנען בא מיר זיך צונויפגעקומען אלע פעדעמער פון דעם איניען. איך האָב אָרגאניזירט די פארטיידיקונג. מיר האָבן צוגעצויגן די מער פעסטערע און מער ראדיקאל־געשטימטע יונגע אדוואָקאטן. און מיר — די בעסטע פארטיידיקער פון יענער צײַט אין רוסלאנד: קאראבטשעווסקי, גרוזנבערג, פּאָטעכין, פּלעוואקאָ, אלאפּין... איך האָב צונויפגעשטעלט אויף צעטיילן אלע פארטיידיקער א רעשימע פון די איידעס, און וועלכער עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, וואָס קאָן דער אָדער יענער איידעס זאָגן געזעלשאפטלעך־וויכטיקס, כאָטש ער איז ארויסגערופן אין נאָמען פון א באזונדער באשולדיקטן וועגן א פריוואטן איניען.

דרײַ מאָל איז דער איניען געהערט געוואָרן.

און ניט געקוקט אויף אלע באמיִונגען פון אלע פּאָרזיצערס פון דער געריכט־פּאַלאטע צו פארדעקן דעם פאקט, אז די פּאָליציי האָט געשלאָגן די ארבעטער,

האָט זיך עס זיי ניט איינגעגעבן צו פארשווייגן... די איידעס אליין האָבן שוין גלייך געזעדט וועגן דעם, וואָס עס איז אייגנטלעך געווען וויכטיקער פון אלץ אין זייערע באוויזן.

אף אונדזערע אויגן זיינען די באשולדיקטע געוואקסן פּאָליטיש. איך געדענק גוט דעם ארבעטער איוואן פּלאטאָנאָוויטש מאלאָוו. סארא לעבעדיקער עקספּאנסיווער מענטש! נאָר געווען איז ער לויט זיין אָפּשטאמונג א סטאראָווער.

און ניט געקוקט אף דעם, וואָס ער האָט פארשטאנען די גאנצע נידערטרעכטיקייט פון דער צארישער זעלבסטהערשונג, האָט מאלאָוו, ווי א סטאראָווער, געטראָגן א געדיכטע לאנגע געלבלעכע באָרד איבערן גארטל. נאָך דער באָרד האָבן אים דערקאָנט אלע איידעס פון באשולדיקונג באם אויספאָרשער און שפּעטער אפן געריכט.

ווען דער ערשטער אורטייל איז אָפּגעשאפט געוואָרן, פארן צווייטן געריכט, איז מאלאָוו ארײַן צו מיר (די באשולדיקטע זיינען בא אונדז געווען אף קויצע). איך האָב געגומען איינריידן מאלאָוון אָפּשערן די באָרד. ער האָט זיך פאר קיין פאל ניט געלאָזט איינריידן: די רעליגיעזע סטאראָווערישע טראדיציעס פון דער סוויווע האָבן נאָך פעסט געהאלטן אין זייערע הענט דעמדאָזיקן פעיקן מענטשן, כאָטש ער האָט פארשטאנען, אז די באָרד קאָן אים אומברענגען. פארן צווייטן מאָל פאנאנדערקלייבן דעם איניען האָט מאלאָוו אליין צוגעקלערט, ווי אזוי „ארויסדרייען זיך": ער האָט ארײַנגערוקט זיין באָרד אונטערן קורטקע און האָט אונטערגעבונדן די האלדז מיט א שאל. אים איז געווען אומעגלעך צו דערקאָנען. קיין איין איידעס האָט אים ניט דערקאָנט.

נאָר מאלאָוו האָט ניט געקענט איינזיצן. ער האָט זיך דאָ איינגעבויגן צום פארטיידיקער, דאָ צום שאָכן, זיך אלץ געדרייט הין און צוריק. און די באָרד איז ביסלעכווייז ארויסגעקראָכן און ארויסגעקראָכן. לעסאָף האָבן די אויסגעפרעגטע איידעס, וועלכע האָבן אים ניט דערקאָנט, זיך גענומען באומרויקן, ווייזן מיט די פינגער אף דער באָרד.

די פּאלאטע האָט אף דעם געווענדעט איר אויפמערקזאמקייט.

די גאָראָדאָוויעס האָבן שוין איצט אָפן דערקלערט, אז זיי האָבן באמערקט א מענטשן מיט א לאנגער באָרד, וועלכער האָט מער פון אלעמען געוואָרפן מיט שייטלעך האָלץ, און האָבן גלייך אָנגעוויזן אף מאלאָוון. און גוט וואָלט ער ניט אָפּגעשניטן, ווען דער איניען וואָלט ניט ארונטערגעריסן געוואָרן. אָבער דערפאר באם דריטן מאָל פאנאנדערקלייבן דעם איניען איז מאלאָוו געקומען אן אונטערגעשאָרענער. דערקענען אים איז געווען לאכלוטן אומעגלעך. און דאָס האָט אים ארויסגעראטעוועט פון א צאָרע.

„א זעלטענע פאמיליע".

עס איז ארויס דער געלער איידעס—סאַוואטיי סאָראָקין — און האָט גענומען געבן באוויַזן. ער האָט גערעדט מיט א זיכערער שטים: ניט גלויבן איז געווען אומעגלעך.

— נאָך האָב איך געזען, אויך אן ארבעטער, וועלכער האָט מער פון אנדערע געוואָרפן אין דער פּאָליציי מיט שטיַינדלעך האָלץ, וואסילי קרילאָוויטש וואָלקאָוו. איך האָב אים גוט געזען און כ'האָב קיין טאָעס ניט. מיר מיט אים זייַנען אלטע באקאנטע...

דער פארטיידיקער פון באשולדיקטן וואָלקאָוו איז געזעסן שטיל און אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. ער איז געווען זיכער, אז וואָלקאָוו איז אופגעדעקט ביזן סאָף, אז ער וועט זיך ניט ארויסדרייען פון טפיסע...

און אין דערזעלבער ציַיט האָט זיך וואָלקאָוו, א פארלאָרענער, א רויטער, פול מיט פארוווּנדערונג, פלוצים אופגעהייבן פון אָרט, האָט זיך דערנעענטערט צום פארטיידיקער און האָט עפּעס גענומען אופגערעגט צו שעפּטשען...

— הערט, איידעס,—האָט זיך געכאפּט דער פארטיידיקער—צי קאָנט איר איגדערעמעסן דעם באשולדיקטן וואָלקאָוו?

— פארשטייט זיך, כ'קאָן, כ'קאָן אים אפילע זייער גוט!

— נו, טאָ וויַיזט אונדז אים אָן!

אָנגעקלאָגטע איז געווען 15 מאן. דער איידעס האָט זיי ארומגענומען מיט די אויגן און האָט זיך רויִק א דריי געטאָן צום געריכט.

— ניטאָ דאָ אים!

— וואָס, ניטאָ?!—האָט אויסגעשריִען, ניט אויסהאלטנדיק, דער פאָרזיצער דייטריך—ער איז דאָך גאָר אפן גרונט פון איַיערע, און נאָר איַיערע, באוויַזן ארעסטירט געוואָרן דורכן געריכט-אויספאָרשער און געהאלטן געוואָרן אין ארעסט-הויז זעקס כאדאָשים.

וואָס רעדט איר?! קוקט זיך צו אופמערקזאמער...

דער איידעס האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט און ווידער רויִק און זיכער אָפּגעהאקט:

— ער איז דאָ ניטאָ!..

— וואָלקאָוו, שטייט אוף!—האָט אויסגעשריִען דער פאָרזיצער.

דער באשולדיקטער וואָלקאָוו האָט זיך אופגעהייבן.

— וואָס רעדט איר,—האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט דער אײדעס—צי דען איז עס וואַסילי קירילאָוויטש? אָט דער—װײַסינקער, קלײנינקער, דאַרינקער, שוואַרצינקער, און וואַסילי קירילאָוויטש—אַ גרויסער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. איך האָב נאָך געכטן מיט אים טײ געטרונקען; ער אַרבעט איצט אויך אין פאַבריק.

קײן אַנדערע באַווײַזן, כוץ „דעמדאָזיקן" זײַנען קעגן וואָלקאָוון ניט געווען; צוויי אײדעס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין אָט דער נאַכט איז ער ניט געווען אין קאַזאַרמע.

דער פּראָקוראָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשולדיקן.

— דאָ איז אָן ספק פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטײעניש—האָט ער דערקלערט.

וואַסילי קירילאָוויטש וואָלקאָוו איז געזעסן און געליטן, ווײַל די פאַמיליע „וואָלקאָוו" איז אַ „זעלטענע" פאַמיליע.

דער פאַרטײדיקער האָט אפילו ניט געהאַלטן קײן רעדע, און דער באַשולדיקטער וואָלקאָוו איז באַפרײַט געוואָרן.

אַ צופעליקער קאָרבן

איך בין שנעל אַרײַן אין זעונג־קאַמער. אינעווייניק איז געשטאַנען אַ גרויער זאָקן—אַן אַרעסטירטער און האָט, גוטמוטיק שמײכלענדיק, געוואַרט אױף מיר.

בײַס די פאַבריק־אומאָרדענונגען האָבן די אַרבעטער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דער פּאָליציי, וועלכע איז געקומען אַרעסטירן די כאַווײרים. דעם ווידערשטאַנד האָט מען בײַגעקומען און מע האָט פאַרכאַפּט אַ גאַנצע מאַסע מענטשן... צווישן זײ איז געווען אויך קאָסטין. ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם באַשולדיקונג־אַקט.

— נו, דערצײלט מיר, ווי איז פאָרגעקומען דער אינציען, ווי אַזוי זײַט איר אַרײַנגעפאַלן אַהער?

— זײער פּאָשעט—האָט ער געענטפערט—אין די אומאָרדענונגען האָב איך לאַכלוטן ניט גענומען קײַן אָנטײל. איך זאָג אײַך דעם רײנעם עמעס... פאַר וואָס? עס ליגט מיר ניט דאָס האַרץ צו די בונטן. ערשטנס—אָרדענונג, ניטאָ פון זײ קײן נוצן, נאָר אומרו און צערודערונג, און דערנאָך—אָן אַ געריכט באַשטימען זיך אָט די פראַגן... פאַר שולדיקע מוזן ענטפערן אומשולדיקע...

איך בין זיך געזעסן רויִק אין צימערל... דאָ האָבן אַלע פאַרלאָרן דעם קאָפּ, מע וואַרפט זיך ווי פאַרטשאַדעטע, מיט וואָס מע כאַפּט אין די הענט—מיט שײַטלעך האָלץ, צעבערס, פּאָמוניצעס וואַרפט מען אף דער פּאָליציי, און איך זיץ בא זיך אין קאַמער אפן בעטל און טראַכט: און וואָס האָבן זיי עס זיך אַליין צעהיצט, זיי וועלן נאָך בלײַבן אָן א ביסן ברויט... נו, עס איז געקומען די פּאָליציי אַרעסטירן—נו, טאָ שטערט ניט, צו וואָס פאַרקאָכן א קאַשע?! נאָר די פּאָליציי האָט אַראָפּגענומען די טירן פון די זאַוויעסעס, האָט זיך צוגעדעקט מיט זיי און האָט זיך אַרופגעכאַפּט אינדערהויך... אײַנגעשטילט. אַלע זײַנען זיך צעלאָפן איבער די קאַמערן, האָבן זיך באַהאַלטן, האָבן זיך צעלייגט אין די בעטן, קלוימערשט געשלאָפן. האָט די פּאָליציי גענומען גיין איבער די נומערן, יעדערן אַרומקוקן, צונעמען... זיי זײַנען אויך אַרײַן צו מיר. דער פּריסטאַוו באַראַטש איז אַרײַנגעפלויגן אינגאַנצן א רויטער, די אויגן שפּרינגען אַרויס. „ווער וווינט דאָ פון די נידערטרעכטיקע?!" שרײַט, און אַליין טרייסלט ער זיך. „איך, קאָסטין סעמיאָן", זאָג איך. „א, דו, אזעלכער און אזעלכער—און איז אַוועק קרוינען מיט די אָפּגעקליבנסטע טיטלען...—זײַ זיך מוידע, דו נידערטרעכטיקע נעשאָמע, האָסט געוואָרפן אין דער פּאָליציי שײַטלעך האָלץ אָדער ניט?!"—„קיינמאָל ניט,—זאָג איך,—אײַער הויכגעבורט, ניט געוואָרפן"...—„דו לײַגסט, אַלטער הונט, האָסט געוואָרפן: נאָך די אויגן זע איך, אַז דו האָסט געוואָרפן".—„קיינמאָל ניט, אײַער הויכגעבורט..."—„זײַ זיך מוידע,—שרײַט ער,—אויב ניט, וועסטו אַרײַנפאַלן אין מײַנע הענט, פלינק זײַ זיך מוידע: בא מיר וועט אפילע א טויטער בעמען ריידן!... וואָס שווײַגסטו, נעוויילע?..." און איך שטיי טאַקע בעמעס און שווײַג. זייער פאַרדראָסיק איז מיר געוואָרן. צו וואָס אזא גאַזלאָנישע מאָדע?... ניט גוט, קלער איך... און ער שרײַט שוין ווי אָן אָקס. „וואָס שווײַגסטו... געוואָרפן"? „קיינמאָל ניט,—ענטפער איך,—ניט געוואָרפן. בא מיר זײַנען אפילע קיין שײַטלעך ניט געוועזן"...—„ניט געוועזן? נו, און אויב זיי וואָלטן געוועזן? ריי־ריי־ד!" איז מיר פלוצים געוואָרן פרייליך אפן האַרצן, כ'וויים אַליין ניט פון וואָס... און כ'האָב אים געענטפערט: „יאָ, שוין פון אײַער קאָוועד וועגן וואָלט איך ניט געזשאַלעוועט קיין שײַטעלע האָלץ..." געזאָגט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און ווי נאָר כ'דערמאָן זיך מײַן ענטפער, ווערט מיר נאָך אויך איצט פרייליך... ער האָט זיך אזוי ווי א וואָרף געטאָן אף צוריק, האָט זיך ווידער א טרייסל געטאָן. „דורכנעמען אים ווי סע באַדאַרף צו זײַן!" האָט ער א געשריי געטאָן...—און מע האָט דורכגענומען... כ'האָב געקלערט, מע וועט די פעל אַראָפּשינדן. אזוי בין איך פאַר אָט די רייד אַהער אַרײַנגעפאַלן. קיין אַנדערע באַווײַזן זײַנען ניטאָ... שוין זעקס כאָדאָשים זיץ איך אין איינצל־קאַמער...

— יאָ, אַלטער, ווי אזוי זאָגט מען עס פלוצים אזוי!

— עס מאַכט ניט אויס. איך זאָרג ניט... זייער שווער איז מיר דאָ צו זיצן, עס עסט אויף דער אומעט: איך בין אַן אמאָרעץ... גייסט, גייסט אמאָל און הויבסט אָן וויינען. נאָר פונדעסטוועגן דייגע איך ניט. ווען עס כאַפּט אָן די עמעסע בענקעניש, דערמאָן איך מיינע ווערטער, און מיר ווערט טייקעף פריילעך. ווייל מע טאָר ניט.. כ'האָב ניט ליב קיין גאַזלאָנישע מאָדעס... אָרדענונג מוז זיין. אזאַ מיעסן נעפּעש האָט מען ניט געטאָרט ניט געבן קיין ענטפער. וויפל מענטשן האָט ער צעבאַסעוועט!..

אויסגעפרעגט



מיר האָבן פאַרהערט אַן איידעס — דעם פריסטאַוו פון שליסלבורגער צירקל באַראַטשן. אינאָנהייב פון אָט דעם „געשמאַקן שמועס" האָט ער זיך געפילט פאַרן העלד פון טאָג. געהאַלטן האָט ער זיך זייער ווירדיק, אַרויסשטעלנדיק פאָרויס די ברוסט, וועלכע איז אָנגעהאַנגען מיט מיזרעך־בלעכלעך; ער האָט נאַכלעסיק אונדז געוואָרפן ענטפערס און קעסיידער פאַרופן זיך אַף אַמטלעכע סוידעס, ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן עלעגאַנט־קאָרעקט, ווען צו אים האָט זיך געווענדעט דער פאָרזיצער פון פּאַלאַטע אָדער באַזונדערס דער פּראָקוראָר...

פון דעם, וואָס עס האָבן דערציילט די אָנגעקלאָגטע, האָבן מיר גוט געוווּסט, אַז אַרעסטירנדיק די אַרבעטער, האָבן די פּאָליציי־לייט זיי אומבעראַכמאָנעסדיק צעמאַזיקט. לויטן באַפעל פון באַראַטשן און פּאָליצמייסטער האָט מען זיי בייסן כאַפּן דורכגעלאָזן דורך א ריי נאַהייקעס פון איילנדיקער רייטער־פּאָליציי. די אַרעסטירטע האָט מען אויך שרעקלעך געשלאָגן אין פּאָליציי־צירקל; דאָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מין טשאַד פון שמייסן, האָט פאַרשיקערט די פּאָליציי און איז געווען אַף אַזויפיל שרעקלעך, אַז א טייל פון די געבראַכטע אין טפיסע האָט מען טייקעף אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל... צוויי אַרבעטער זיינען אַראָפּ פון זינען, אייניקע זיינען פאַרבליבן קראַנקע, איינעם האָט מען אויסגעהאַקט אַן אויג...

וועגן דידאָזיקע „קליינינקייטן" האָט באַראַטש, פאַרשטייט זיך, געשוויגן און האָט זיך אַפּ ווי ווייט מעגלעך אויסגעדרייט פון ענטפערן.

ער האָט שטאָלץ דערציילט...

— איך בין געגאַנגען פאָרויס דעם אוואַנגאַרד. די פײַנט האָבן אונדז באַשאָסן מיט פלאַכעס האָלץ און קאָלערלײַ שמוץ. אַראָפּגענומען די טירן פון זאַוויעסעס און צוגעדעקט זיך מיט זיי, ווי אויך מיט וואָס עס איז אויסגעקומען, פונקט ווי די אוראַלטע רוימער אונטערן פאַנצער פון דער טשערעפּאַכע, האָבן מיר זיך פאַמעלעך גערוקט פאָרויס. אין דער צײַט בין איך קאָנטוזשעט געוואָרן מיט אַ שײַט האָלץ אין דער לינקער האַנט. מיר האָט אַ דראָפּ געטאָן אין קלײנעם פינגער. פון סטרוי איז אַרויסגעגאַנגען אַ גאַראַדאָוואָי, וועלכער האָט געכאַפּט אַ קלאַפּ מיט אַ צווייטן שײַטל האָלץ איבערן פּוס. ער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פון די טרעפּ. איך האָב אַף קיין איין ווײַלע ניט פאַרלאָרן זיך און האָב פערזענלעך אָנגעפירט מיט די מענטשן... און ווי נאָר מיר האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אַפן ווײַטערדיקן עטאַזש, פלעגן די סאָנים אַנטלויפן... נאָר מיר האָבן זיי ענערגיש אויפגעזוכט... אָט דאָ זײַנען די הויפּט־שולדיקע...

די פאַרטיידיקונג איז געווען אויפגעבראַכט. און די אַלטע אַדוואָקאַטן האָבן געבורענט מיטן פאַרלאַנג „ברענגען צו איין ווײַזער" דעם ווירדיקן פּריסטאַוו... מע איז געגאַנגען אַף אַלץ... אַפילע אַף קלײנלעכע שטאָכן אין זײַן אייגנליבע, אַף געוויינלעך אומדערלאָזבאַרע „שאַרפּזיניקײַטן"... אַבי נאָר אַ ביס טאָן דעם פּריסטאַוו...

— יאָ, הער באַראַטש, אָט איר דערציילט אַזוי בילדעריש און קעמפעריש וועגן דעם, ווי איר זײַט דרייסט געגאַנגען, פונקט ווי אַ רוימער אַפן סוינע פאָרויס פון אײַער אוואַנגאַרד... ניט געקוקט אַפן הייסן פײַער פון שײַטלעך האָלץ, האָט איר זיך אַרופגעשלאָגן אַף די טרעפּ מיט אַ פאָמויניצע־עמער אַפן קאָפּ אָנשטאָט אַ שלעם...

— עמערס זײַנען אין אונדז געפלויגן, נאָר מיר האָבן זיך צוגעדעקט מיט די טירן, — האָט קאַלט און כוצפּעדיק פאַריכט דער פּריסטאַוו.

— הער פאַרטיידיקער, — האָט באַמערקט דער פאָרזיצער, — דער איידעס האָט ניט גערעדט, אַז בא אים איז געווען אַ פאָמויניצע־עמער אָנשטאָט אַ היטל... ער האָט נאָר געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך צוגעדעקט ביקלאַל מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט.

— מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאַווקע באַם הער פּריסטאַוו איז געווען אַפן קאָפּ אַ פאָמויניצע־עמער. איך אַנטשולדיק זיך, כ'האָב אַ טאָעס געהאַט... נאָר דערלויבט, הער באַראַטש, זיך דערוויסן נאָך איין אייַנצלהײַט... ווען איר האָט זיך אַזוי אַנטשיידן אַרײַנגעכאַפּט אין די צימערן צו די אַרבעטער, צי האָט איר זיי געשלאָגן?!

דער פּריסטאַוו האָט מיט פאַראַכטונג געשמייכלט.

— פאַר קיין פאַל ניט! ביקלאַל גענומען, איז דאָס, וואָס עס איז געווען נאָכדעם, ווי מיר האָבן גענומען די קאַזאַרמעס, האָט צום איניען קיין שײַכעס

ניט, ווײַל דערדאָזיקער מאָמענט ווערט ניט ארויסגעשטעלט אלס באשולדיקונג די אָנגעקלאָגטע...

— יאָ, יאָ, — האָט באשטעטיקט דער פּאָרזיצער, — איך פארבאָט באַרירן די־דאָזיקע פראגעס!

— הער פּאָרזיצער! אין אלע עלעמענטארע אויסטײַטשונגען פון קרימינע־לער געזעצגעבונג אונטער דעם 14־טן ארטיקל רעדט זיך, אז די שטראָף, וואָס די באשולדיקטע האָבן געטראָגן אין אדמיניסטראטיווער אָרדענונג, קאָן פא־רעכנט ווערן דורכן געריכט...

— און איך פארבאָט דאָס צו באַרירן!

עס האָט זיך איבערגעכאזערט דאָס, וואָס עס האָט שטענדיק פּאסירט אין אזעלכע פאלן... הייסע באמיִונגען מיצאד דעם פּאָרזיצער צו פארדעקן די טאטן פון די פּאָליציי־באאמטע, פּראָטעסטן מיצאד דער פארטיידיקונג, פּראָטאָקאָל...

מיר אלע — פארטיידיקער — האָבן זיך אָנגעזעצט אפן פּריסטאוו... און האָבן אים גענומען קנײַפּן מיט קליינלעכע פראגעס, וועלכע קאָנען אראָפּשלאָגן פון וועג, צופּנדיק פון דער זײַט, פון יענער זײַט... דרײַ אָדער פיר שאָ האָט גע־דויערט דער פארהער. דער פּריסטאוו איז אָפּגעשוואכט געוואָרן. פון אים האָט געגאָסן א שוויס. ער האָט זיך געטאָפּטשעט פון איין פוס אף דער אנ־דערער. די קריגערישע האלטונג איז שוין בא אים לאנג פארשוואונדן, ער האָט שוין מער ניט אויסגעפּוצט די ברוסט... איך האָב אים גענומען מיט אויסמאַ־טערונג... נאָר דער געפיל פון פארדראָס איז ניט אוועק. זאָל ער כאָטש דאָ באקומען זײַנס.

עס איז געפאלן אף א שפּיצל, ווי שטענדיק, אָסקאר גרוזנבערג.

— מיר וועלן נאָך אויספרעגן דעם הער באראטש. מיר בעטן אים ניט באפרײַען... אין העסקעם מיט א ריי באשלוסן פון רעגירונג־סענאט (צי דארף איך וועגן זיי דערמאָנען דער געריכט־פּאלאטע!), ווען די אָנוועזנהײַט פון שוין פארהערטן איידעס — א נאטשאלניק קאָן אזוי אָדער אנדערש ווירקן אף די נאָך ניטפארהערטע איידעס, וואָס זײַנען זײַנע אונטערטעניקע, דארף מען, ניט איבערלאָזנדיק דעם נאטשאלניק אין זיצונג־זאל, אים דערווײַטערן אין א בא־זונדער געבײַדע און אוועקשטעלן בא די טירן א געריכט־שמירע, קעדיי א דאנק א צופעליקײַט זאָל די פארהערטע פּערזאָן ניט קענען זיך פארבינדן מיט די נאָך ניטפארהערטע איידעס. די פארטיידיקונג פון די אָנגעקלאָגטע, מוירע האָבנדיק פאר דער ווירקונג כאָטש פון איין אָנוועזנהײַט פון באראטשן אף די איידעס — גאָראָדאָוויעס — איז זיך מישטאדל וועגן דערווײַטערן אים אין אן אָפּגעזונדערטער געבײַדע...

— די פּאלאטע וועט באהאנדלען אײַער הישטאדלעס...

זיי זײַנען אוועק, באהאנדלט, זיך אומגעקערט, און דער פּאָרזיצער דייט־ריך האָט באפוילן דעם גע..יכט־פּריסטאוו אָפּגעבן א פּאַראָרדענונג צוגרייטן פאַר באראטשן א באזונדער צימער...

— א צימער איז פּארטיק! — האָט דערקלערט דער אלטער געריכט־פּריסטאוו.

ווען מע האָט באראטשן אוועקגעפירט, האָט ער א וואָרף געטאָן אין דער זײַט פון דער פּארטיידיקונג א בליק פול מיט האס...

דער איניען האָט באדארפט דויערן ניט ווייניקער פון דרײַ טעג, און מיר האָבן באשלאָסן אויסהאלטן דעם פּריסטאוו אין איינצל־ארעסט ביז דער לעצטער מעגלעכער מינוט...

שוין אין דרײַ־פיר שאָ ארום, בייס דעם איבעררײַס, האָט דער געריכט־פּריסטאוו אונדז אינפאָרמירט, אז באראטש איז אויסער זיך פון צאָרן. נאָך צוויי שאָ אָפּזיצן האָט ער אָנגעהייבן פארצווייפלט קלאַפּן אין טיר און האָט געבעטן געבן א צײַטונג אָדער וואָס ניט איז צום לייענען. נאָר ווען דער געריכט־פּריסטאוו איז נאָר ארײַן צו אים, זײַענדיק ארויסגערופן דורך א נײַעם פארצווייפלטן קלאַפּן, האָט באראטש שיר ניט ארויסגעוואָרפן די צײַטונג (קיין ביכער האָבן זיך אין געריכט ניט געפונען) און דערבײַ דערקלערט, אז ער איז ניט צוגעוווינט זיך צו פארנעמען מיט לייענען. בא אים מאכט דער סעקרע־טאר אויסשניטן פון צײַטונג, קעדיי ער זאָל ניט לייענען קיין איבעריקע נא־רישקײַטן. ער דארף איצט פּאָרן אין צירקל. באראטש האָט געפּאָדערט דער־לייגן דעם פּאָרזיצער, אז ער בעט ארויסרופן אים אין געריכט־זאַל. מע האָט ארויסגערופן.

אײַער עקסעלענץ, — האָט זיך געבעטן באראטש, — לאָזט מיך אָפּ! בא מיר זײַנען פאראן איניאָנים, א גרויסער צירקל אף די הענט. אלץ וועט קומען אין צערודערונג... באפרײַט!

— גוט, אונדז זײַט איר, אייגנטלעך, ניט נייטיק. מיר וועלן פרעגן די צדאָדים... הער פּראָקוראָר, אײַער באשלוס?

— מיר איז דער איידעם מער ניט נייטיק, און איך רעכן, אז מע קאָן אים אָן קיין שום שאָדן פאַר דעם איניען אָפּלאָזן, דערהויפּט, ווען דאָס איז צוליב געשעפטלעכע אָנגעלעגנהײַטן...

— הער פּארטיידיקער?!

— מיר געפינען פאַר באזונדערס וויכטיק די אָנוועזנהײַט פון איידעם באראטש, ווײַל ער באשטימט די שולדיקײַט פון באזונדערע אָנגעקלאָגטע. אונדז וועט אויסקומען דורכקאָנטראָלירן זײַנע באווײַזן דורכן פארהערן אנדע־רע און, מעגלעך, אז עס וועט אויסקומען שטעלן אויג אף אויג מיט זיי. מיר בעטן דערווײַטערן דעם הער באראטש אין א באזונדער צימער.

— הער בּראַטש, איך ווער אויסקומען זיך דערוויסטערן אין אַ באַזונ־דערער געבײַדע,—האָט אַרויסגערעדט דער פּאַרזיצער און מיטפילנדיק פאַנאַנ־דערגעפירט מיט די הענט.

בּראַטש האָט אויף אונדז געוואָרפן אַ ווילדן בּליק און איז פּײַערלעך אַרויס...

זײַענדיק פּאַרכאַפּט מיטן גאַנג פון איניען, האָבן מיר אויף אַ צײַט פאַרגעסן וועגן בּראַטשס עקזיסטענץ. פּאַרנאַכט האָט וועגן אים דערמאָנט דער גע־ריכט־פּריסטאַוו.

— ער איז זייער אַן אומרויִקער, כ'קאָן זיך מיט אים ניט ספּראַווען...

— וואָס בּין איך,—שרײַט ער,—אַן אַרעסטירטער, צי וואָס? וואָס האַלטן זיי מיך דאָ?!

מיר האָבן בּאַשטימט „פּאַרוויילן" בּראַטשן און אַרויסרופן אים אין זאַל.

ער איז צוגעגאַנגען צום געריכט־טיש מיט אַ צופרידענער פיזיאָנאָמיע, קאָנטיק, געווען זיכער, אַז מע וויל אים אָפּלאָזן.

— בּלויז איין איינציקע פראַגע, הער איידעס,—האָט זיך געווענדעט איינער פון אונדז,—בּייסן אײַנשטעלן די אַרבּעטער זײַט איר געווען אינעם זעלביקן מונדיר, וואָס איצט, צי אין אַן אַנדערן?

— פאַרשטייט זיך, אַז דער איז אַ פּאַראַדנער, געווען אין אַן אַנדערן...

— איך האָב מער ניט קיין פראַגעס!

— הערן פאַרטיידיקער?

— מיר האָבן אויך דערווייל ניט קיין פראַגעס...

— כ'קאָן גיין?

— מע דאַרף פרעגן בּאַ דער פאַרטיידיקונג... מע קאָן בּאַפרײַען דעם הער פּריסטאַוו?

מיר האָבן געבּראַכט אַ גאַנצע ריי מאָטיוון און בּאַשטעטיקט, אַז דער פּריס־טאַוו איז אונדז אומבּאַדינגט נייטיק...

— אויב אַזוי, דערוויסטערט ווידער דעם איידעס אין אַ באַזונדער געבײַדע.

בּראַטש איז אַזש גרין געוואָרן. אַרויסגייענדיק פון זאַל, האָט ער אויף אונדז געוואָרפן אַ ווילדן בּליק.

אַפּמאָרגן האָט זיך איבּערגעכאַזערט דאָסזעלבּע. צום דריטן טאָג איז בּאַ־ראַטש ניט געקומען און האָט צוגעשיקט אַ מעדיצינישע צײַגעניש וועגן קראַנקײַט...

אונדזערע אָנגעקלאָגטע האָט מען פּאַרמישפּעט און בּאַפרײַט אַלעמען אויף קויציע. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט בּראַטש עקסטרע אַרויסגערופן זיי אין צירקל. ער האָט זיי געצווונגען לאַנג וואַרטן. לעסאָף איז ער אַרויס אַן אויפגעקאָכטער און, טופּענדיק מיט די פיס, האָט ער געשריִען: „ווו האָט איר זיך געקראָגן דיזאָזיקע פאַרשאָלטענע אַדוואָקאַטלעך?! גייט צום טײַוול!" ער

האָט צונויפגעקוועטשט די פויסטן, נאָר מער האָט ער גאָרניט ארויסגערעדט. די ארבעטער זײַנען זיך פאנאנדערגעגאנגען און לאכלוטן ניט פארשטאנען, צוליב וואָס האָט ער זיי א הער ארויסגערופן...

ערגערט זיך, באנדיטן!

א גוואר—א מענטש. א פלייציקער, א געזונטער. ניט קיין גרויסער קאָפּ מיט א מעפיסטאָפעל־פּאָנעם. אייביק אָדער א פארארכטלעכער אָדער אן אָפּשפּאָטנדיקער שמייכל. ער איז געקומען צו אונדז אין אדוואָקאטור איינגאנצן אומגעריכט פאר זיך אליין. אים האָט מען אדמיניסטראטיוו ארויסגעשיקט פון טווערער גובערניע. ער איז אָפּגעווען עטלעכע יאָר אלס א געוויילטער ריכטער. מע האָט עס אים פארעכנט אין סטאַזש און ער איז ארײַנגעפאלן פאר א געשוואָרענעם אדוואָקאט. ער איז געווען באוווסט, ווי א גלענצנדיקער רעדנער אין דער פרײַ־עקאָנאָמישער געזעלשאפט,— דענסטמאָל א בוילעט אויסגעדריקטע פּאָליטישע געזעלשאפט, וועלכע האָט געטראָגן די פאָרם פון א וויסנשאפטלעכער, און דעריבער האָט מען באשלאָסן רופן אים אף דעמדאָזיקן פּאָליטישן פּראָצעס וועגן די פאבריק־אומרוען אויספּרווון די קויכעס פון א פארטיידיקער. דער איניען האָט אונדז באומרויִקט. עס זײַנען ארויסגעשווומען אסאך איינצלהײַטן, וועגן וועלכע עס האָט, פארשטייט זיך, געשוויגן, דער באשולדיקונג־אקט. די שטרעבונג פון פּראָזיצער פון פאלאטע צו פארדעקן דאָס פּײַניקן די ארבעטער האָט טיף אופגעבראכט.

אלע האָבן מיר גערעדט פון מיטן זאל. אדוואָקאטן איז געווען אסאך און זיי זײַנען אלע לויט דער ריי צוגעגאנגען צו דער קאטעדרע. ארויס איז אויך ער, אזא גרויסער, שטענדיק אזא געזונטער. נאָר גראָד דאָס מאָל איז זײַן פּאָנעם געווען טויט־בלאס, אפן שטערן האָט זיך אָנגעגאָסן א בלויער אָדער, דער שארפער שמייכל איז פארשוווּנדן...

— אײַער וואָרט...

ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט געמאכט א באוועגונג מיטן האנט און האָט געשוויגן.

מיר האָבן געוואַרט.

— אײַער וואָרט.—האָט רויִק איבערגעכאַזערט דער פּאָרזיצער.

ער האָט ווידער געעפנט דאָס מויל, האָט א פּאָכע געטאָן מיט די הענט, ווי וועלנדיק זיך אויספּענטעו פון די פּענטענדיקע, דריקנדיקע נעצן. און ער האָט ווידער אומבאהאָלפן זיי אראָפּגעלאָזן...

— מיר ווארטן, הער פארטיידיקער!..

פון זײַן מויל האָט זיך ארויסגעריסן עפּעס א מאָדנער, אומפארשטענדלעכער, שרעקלעכער קרעכץ, א זיפץ פון פארצווייפלונג, און דעם גאנצן געזיכט האָבן גענומען צופּן ספּאזמעס. דידאָזיקע קאָנוולסיעס זײַנען געווען אזעלכע שרעקלעכע, אז עס האָט געווייטיקט, עס איז געווען פּיזיש א ווייטיק צו קוקן...

אלע האָבן געווארט. אסאך האָבן זיך אָפּגעקערט...

און ער איז ווי פריִער געשטאַנען פארן געריכט, אזא גרויסער, מיט אזוי פיל לײַדן אפן געזיכט, מיט אזא ווייטיק אין די אויגן... עס האָט אים געהאלטן אין איין צופּן...

— הער פארטיידיקער,—האָט פּלוצים ארויסגעשריִען דער פּאָרזיצער,—אזוי קאָן מען ניט. ערגערט זיך ניט, איך בעט אײַך. אזוי טאָר מען זיך ניט אופרעגן!

פון אָרט האָט זיך א ריס געטאָן גרוזנבערג, האָט אָנגעגאָסן וואסער אין א גלאָז און האָט אים דערלאנגט.

ער האָט שטיל און פּאמעלעך, מיט ניטגרויסע שלונגען, אויסגעטרונקען, איז געשטאַנען א באַרויִקטער א צוויי־דרײַ רעגעס, און פּונקט ווי ער וואָלט אנטבלויזט זײַן הארץ, האָט ער ארויסגערעדט:

— הער פּאָרזיצער! איר קאָנט מיר פארבאָטן ריידן וועגן דאָס אָדער אנדערש, איר קאָנט פארבאָטן באַרירן די אָדער יענע פראגן, נעוואָלעס פון דער פּאָליציי. אף דעם איז פאר אײַך דער געזעץ... נאָר זאָגן מיר: „ערגערט זיך ניט!"—קאָנט איר ניט, האָט איר ניט קיין רעכט! יאָ, איך ערגער זיך! יאָ, איך וויל זיך ערגערן! איך וויל מיט מײַן אופרעגן זיך אָנשטעקן אײַך! איך וויל, אז איר זאָלט אײַער אורטייל ארויסריידן מיט יענער אופרעגונג און ציטער, מיט וועלכן איך רייד מײַן רעדע!..

און ווען ער האָט געענדיקט אָט די עטלעכע אומדערהערטע כליפּענדיקע ווערטער, איז זײַן ארויסגעריסן, צעבלוטיקט הארץ געלעגן פאר די ריכטער. און אלע האָבן עס באנומען און דערפילט...

עס האָט זיך געוואָלט א געשריי טאָן: „ערגערט זיך, באנדיטן!"

און עס האָט אים ווידער געטרייסלט אין פיבער פון שמערצן!.. א ריזיקער מענטש אייגער אינמיטן זאל...

אין זאל האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט. קיינער האָט ניט געהאט קיין האָזע זיך א ריר טאָן, האָט ניט געהאט די האָזע אופהייבן דעם קאָפּ. אלעמען

איז געווען מיִעס. און אלעמען האָט נאָר איצט קלאָר און בולעט דורכגעבערענט דער באוווסטזיין, ווי מיִעס עס איז אפילע צו הערן וועגן די נעוואָלעס, וואָס טוען זיך ארום און ארום...

דער פאָרזיצער דייטריך האָט לאנג געשוויגן, איינגעצן א צערודער־טער...

— א וואָרט באקומט דער וויִיטערדיקער פארטיידיקער, — האָט ער לעסאָף אויסגערעדט, מיט מאטערניש אופהייבנדיק דעם קאָפּ...





מאַטעמאַטיק

עפעס א דערשלאָגענער ארבעטער איז געזעסן בא מיר, האָט געקוקט אף זײַן האַנט און האָט געוויינט. דער וועבשטול האָט בא אים אָפּגעריסן... בלויז דעם קלײנעם פינגער.

איך האָב געקוקט אף אים און געקלערט: צי לוינט אָנהייבן א געריכט־פּראָ־שלעפּעניש?

דענסטמאָל האָט אין דײַטשלאַנד עקזיסטירט א שקאַלע פאַר פאַרוווּנדונגען. א מין טאַקסע אף מענטשישע ביינער און שטיקער פלייש. אף וויפל איך געדענק, האָט זיך דאָס קלײנע פינגערל גערעכנט פאַר א נול. מיסטאָמע, פונקט אזוי (פאַרשטייט זיך ביז א געוויסער מאַדרייגע) וואָלטן זיך באַציוגן צום קלײנעם פינגער ארמיי־דאָקטוירים. אין לאַזאַרעט טראָגט מען א סאָלדאַט מיט אָפּגעריסענע הענט, פיס, מיט דורכגעשאָסענע אויגן, מיט א צעמאַזיקטן קאָפּ, מע טראָגט אפילע פּגאָרים—און פּלוצים קומט א סאָלדאַט מיט אן אָפּגעהאַקטן קלײנעם פינגער, קוקט זיך אַרײַן אין הויפּן זון וויינט, ניט באַמערקנדיק די קערפּערס, וואָס ליגן פאַר אים בלוטיקע, צעריסענע. אַרום זײַנען אומעטיקע שרעקלעכע ווונדן... ניין, מיטן קלײנעם פינגער איז דאָ פאַרן דאָקטער ניטאָ קיין צײַט זיך צו אייסעקן... און אויך דעם אדוואָקאַט איז ניט געווען קיין צײַט זיך אייסעקן מיט דעם,—אונדזער הילף איז געווען נויטיק די ווירקלעכע קאַלעקעס... איז נייטיק דער מענגע קאַליקעס.

אזוי צי אזוי, נאָר מאָנאַנאָוו איז געזעסן בא מיר און האָט ביטער געוויינט, און זײַן בלייכער פּאָנעם האָט זיך נערוועז געצאַפּט.

מאָנאַנאָוו האָט געאַרבעט אף א גרויסער שפּינערײַ־פאַבריק פון ק. יא. פאַל און קאָמפּ, איצט אפן נאָמען פון וו. פּ. נאָגין. בא זיי רייניקן אלע ארבעטער די מאַשינעס בײַסן גאַנג. פונקט אזוי האָט אויך ער גערייניקט און האָט אַרײַנגערוקט די האַנט צווישן די ציינדלעך: אים האָט אָפּגעריסן א פינגער...

נאָך דעם האָט מען אים דורכגעטריבן, און איצט ווי א באַלמום נעמט מען אים אינערגעץ ניט צו.

איך נעם בא מאָנאָנאָוון זײַן רעכענונג־ביכל און לייען אים איינעם פון די פּאַראַגראַפן פון דער אינערלעכער איינאָרדענונג, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אז די ארבעטער פון שפּינערײַ ווערט שטרענג פארבאָטן רייניקן די מאַשינעס באַם גאַנג. פאַר דעם ווערט אפילע אופגעמאָנט א רובל שטראָף.

— אָט זעט איר, איר זײַט אליין שולדיק,—זאָג איך מאָנאָנאָוון,—אײַך איז דאָס גאָר פארבאָטן רייניקן די מאַשינעס בײַסן גאַנג, און איר האָט גערייניקט. אף אנדערע פּאַרופּט זיך ניט, קוקט ניט, וואָס אנדערע טוען... אויב אלע וועלן זיך נעמען וואַרפן אין ברונעם אַרײַן, צי דען וועט איר זיך אויך צוליב דעם וואַרפן?

— בא אונדז איז ניט נאָר אין די ביכלעך געווען געדרוקט דער פאַרבאָט, נאָר אויך אף די ווענט, מעלדונגען זײַנען געהאנגען, אז מע טאָר קלוימערשט ניט רייניקן די מאַשין בײַסן גאַנג... און אליין האָבן זיי באַפוילן...

— עס קאָן ניט זײַן: ווער קאָן אײַך באַפוילן...

— די מײַסטערס!

— וואָסערע נאַרישקײַטן! אײַך דראָט דאָך אזא שרעקלעכע געפאַר: עס קאָן אַרײַנצײַען אײַער גאַנצע האַנט, צעקוועטשן, צעשעדיקן! איר האָט זיך נאָך גליקלעך אַרויסגעדרייט. רייניקן די מאַשינעס בײַסן גאַנג איז פארבאָטן אין אַן אָבליגאַטאָרישער באַשטימונג פון דער גובערניאַלער אופּראַווע. צו וואָס פאָלגן אומגעלומפּערטע פאַראָרדענונגען. פאַרוואָס זײַט איר ניט געגאַנגען זיך קלאָגן אף דעם צום דירעקטער? איר זײַט דאָך מענטשן מיט קעפּ אף די אַקסלען.

— די מײַסטערס זאָגן, אז מע טאָר ניט פאַטערן קיין צײַט...

— מאַלע וואָס! איר שטעלט זאָפּ און רייניקט—אײַך וועט מען דאָך דער פאַר ניט באַשטראָפן?

— ניין, וועגן שטראָפן האָב איך ניט געהערט... אף די אָנקלאַגעס לייגט מען ניט קיין אכט... פּאַשעט מע שרײַבט א רעכענונג... פּאָלג און קלאָג זיך ניט... אָפּגעארבעט צוויי וואָכן און אָן עק... זוך דענסטמאָל ארבעט, הונגער!

— פאַרוואָס האָט איר וועגן דעם ניט געמאָלדן דעם פאַבריק־אינספּעקטער?

— ווען עס האָט אָפּגעריסן דעם פינגער האָב איך געמאָלדן. שאוואַליאָוו איז געקומען צופאָרן אפן פאַבריק, אויסגעהערט... האָט אלץ געפאָרשט, צי איז געווען אמאָל א פאַל, אז מע האָט באַשטראָפט די ארבעטער פאַר רייניקן די מאַשינעס בײַסן גאַנג, ווי עס איז געזאָגט אין ביכל... קיינמאָל זײַנען אזעלכע פאַלן ניט געווען... נאָכדעם האָט ער אין קאָנטאָר עפּעס אויסגערעכנט דעם

דירעקטער... דעם אינספעקטער קאָן מען איינשטעלן פאר אן אידעס... אלע זאָגן, אז ער איז אן אָרנטלעכער מענטש...

— וויפל איז בא אייך, מאָנאָנאָוו, אין שפינערײַ אזעלכע, ווי איר, ארבעטער?

— מער פון צוויי טויזנט.

— צו וויפל ווארשטאטן אף יעדערן?

— צו צוויי.

— און וויפל צײַט איז נייטיק אף רייניקן, אויב מע זאָל זיי אָפּשטעלן?

— א האלב שאָ...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם דערקלערונג־בריוו פון פינאנץ־מיניסטער וועגן דער ארבעט־צײַט. דאָרטן איז גערעדט געוואָרן, אז דאָס מיניסטעריום האָט פארלענגערט דעם 11־שאָ:קן ארבעט־טאָג נאָך אף א האלב־שאָ—„אף רייניקן די מאשין"... הייסט עס, אז מאָנאָנאָוו האָט גערעדט דעם עמעס, אז די רייניקונג פאָדערט ניט ווייניקער פון א האלב־שאָ. און דאָ איז מיר געקומען אין קאָפּ איין פּאָשעטער מאטעמאטישער כעשבן... 2000 ארבעטער רייניקן די מאשינעס בייסן גאנג, פארנעמען זיך מיט שפינערײַ מיט א האלב־שאָ מערער. הייסט עס, אז די פאבריק האָט אין א טאָג טויזנט אומזיסטע ארבעט־שאָען אָדער טאָג־טעגלעך אן אומזיסטע ארבעט פון 100 מענטשן. אין כ'ידעש קאָן עס אײַנשפּארן בא 3 טויזנט און אין יאָר בא 36000 רובל די באלעבאטים.

די צעמאזיקטע ארבעטער האָבן ניט געהאט קיין רעכט צו פאָדערן פון פאבריק אן איינמאָליקע באלוינונג פאר דעם. דער געהאלט פון א שפינער, וועלכער האָט זיך אפילע ערנסט צעשעדיקט די האנט (אנדערע צעשעדיקונגען זײַנען דאָ זייער זעלטן), האָט זיך געוויינטלעך געוואקלט צווישן 60 און 120 רובל, ניט אריבערשטײַגנדיק 300 רובל אין יאָר. אסאך אזעלכע איניאָנים האָבן זיך גענענדיקט מיט „שאָלעם" פאר קליינע סומעס, אָנהייבנדיק פון 25 רובל. פון 36,000 רובל קאָנען די באלעבאטים ארויסגעבן אזעלכע פענסיעס און איינמאָליקע שטיצע אסאך מאָנאָנאָווס, איבעריקן: בא זיך אין קעשענע א גוטן צענדליק טויזנט...

און עס פלעגט זיך באקומען א לוינעוודיקע אָפּעראציע. א פּאָשעטער מאטעמאטישער כעשבן—ניט מער.

איך האָב זיך גענומען פאר מאָנאָנאָווס איניען און האָב באשטימט קעמפן פאר אים, פאר זײַן קליינעם פינגער, פאר די פינגער פון זיינע כאוויירים ביז דעם לעצטן שטאפל פון „יושער".

דער איניען איז געגאנגען. מ'האָט פארהערט די אידעס—מאָנאָנאָווס שכיינים, וועלכע האָבן דערציילט דאָסזעלבע, ווי ער... עס איז אויך פארהערט געוואָרן דער פאבריק־אינספעקטער, וועלכע האָט געגעבן באווײַזן:

— דער רעזשים, וועלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט אפן פאבריק, איז אזא, אז די ארבעטער רייניקן די אויספילונג־אָרגאנען פון דער שפּינערײַ־פּראָדוקציע, ווען זיי זײַנען אין גאנג. אויב די פאבריק־אדמיניסטראציע וואָלט געוואָלט קעמפן קעגן אזא רעזשים, וואָלט זי זיכער געקומען צום פּינקטלעכן באַשטימען אין די קלאָלים פון איבערלעכן טיידער די צײַט, וועלכע איז אײַנגעשטעלט אף רייניקן די מאשין לויט אָפּטיילונגען, צופּאסנדיק צו יענע צײַט דאָס אָפּשטעלן די מאשין. נאָר אין אזא פאל וואָלט די פאבריק באדארפט אָפּצאָלן די ארבעטער פאר די שאָען פון רייניקן די מאשינעס. דידאָזיקע האנאָכע באשטעטיקט מײַן איבערצײַגונג אין דעם, אז דער רעזשים ווערט אונטערגעהאלטן פון דער פאבריק־אדמיניסטראציע, כאָטש אין יעדן באזונדער פאל, אויך באם צופאל מיטן ארבעטער מאָנאָנאָוו, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט פאקטיש דערווײַזן, אז די מאשינעס רייניקט מען לויטן באפעל פון די מײַסטערס.

נאָך דרײַ זיצונגען, פון וועלכע די לעצטע „צו דער זאך".

פאלס אדוואָקאט האָט פארזיכערט, אז די פאבריק האָט ניט געקאָנט אונטערהאלטן אזא רעזשים, אז דער געדאנק אליין וועגן דעם איז א פאנטאזיע פון פאבריק־אינספעקטער. אלע איידעס זאָגן ליגנס: זיי זײַנען פּוילאקעס, פינצטערע מענטשן און קלערן, פארשטייט זיך, אויס, ניט וויסנדיק וואָס זיי טוען. אויב מאָנאָנאָוון האָט בעעמעס א וועלכער ניט איז מײַסטער באפוילן רייניקן די מאשין בייסן גאנג, האָט ער באדארפט טייקעף זיך ווענדן צום דירעקטער, פארטיידיקן זײַנע רעכט אף אײַנהיטן גאנץ די ביינער. און אויב ער האָט דאָס ניט געטאָן, איז עס זײַן שולד, און ניט די שולד פון פאבריק.

דער געריכט האָט לעסאָף צוגעמישפּעט מאָנאָנאָוון דרײַ רובל א כוידעש און קאטעגאָריש אנערקענט, אז די פאבריק האָט געצוווּנגען די ארבעטער רייניקן די מאשינעס בייסן גאנג.

אָט דאָס אלץ, וואָס עס האָט דענסטמאָל אזוי אויפגערעגט, איז שוין אוועק און איז גרייט צו פארשווינדן פון זיקאָרן, דאָך זע איך נאָך ביז איצט, ווי א לעבעדיקן, מאָנאָנאָוון, אן אויסגעגערווירטן, וואָס ווייגט מיט ביטערע טרערן אפן פארלוסט פון דרײַ־דובלדיקן פינגער.

„אַן אייביקער אָרט“

אַן אייביקער אָרט... ווייל צאָרעס, ליידן און נייט זיינען צונויפגעבונדן מיט אָט די צוויי ווערטער!

אסאך פאבריקן און זאוואָדן זיינען פון פראָדוציר־פאבריקן בוכשטעבלעך פארוואנדלט געוואָרן אין פאבריקן פון שעדיקן מענטשן. און פאר אָט דעם אלעמען האָט מען באדארפט צאָלן, ווייל אין דער ארבעטער־סוויווע איז שוין אריינגעדרונגען דער באוווסטזיין וועגן דער מעגלעכקייט באקומען א באלוינונג פאר א שעדיקונג.

און אָט האָבן אייניקע דירעקטערס און אָנפירערס דערפונדן אן „אייביקן אָרט“.

יעדער ארבעטער האָט געוווסט, ווי שווער עס איז זיך דערשלאָגן, האָבנדיק אפילע אן אדוואָקאט, א באלוינונג פאר א שעדיקונג. דער איניען פלעגט זיך ציען אין געריכט נית ווייניקער פון א יאָר, און אָפטמאָל אפולע יאָרן, דער מיטל דערצו אין די הענט בא די פארביסענע „קעגנער פון צעשעדיקטע“ איז געווען דער סאמע פּאָשעטסטער: זיי פלעגן בעטן פארהערן גליין אפן אָרט גומע (אָפטמאָל ערגעץ אין סיביר) אן אוועקגעפאָרענעם איידעס, וואָס קען קלוימערשט באשטעטיקן, אז דער ארבעטער איז אליין געקראָכן אין מאשין בייסן גאנג, און אף אזא אויפן פלעגט דער גאנצער איניען ארומפאָרן איבער ,דער וועלט נאָר דעם איידעס, וועלכן מע פלעגט ניט געפינען. נאָר אָפטמאָל פלעגן אזעלכע „קעגנער פון צעשעדיקטע“ אָנגעבן אן אפעליאצע

אינעם לעצטן טאָג פון טערמין און פלעגן ניט אריַינטראָגן קיין שטיַיער, און אָט וועגן דעם פלעגט דער געריכט מאכן באשטימונגען, פלעגט שיקן מעלדונגען, פלעגט באשטימען דעם טערמין, און די ציַיט ציט זיך... אָדער די זאַוואָדן פלעגן גאָר געבן קאָמאנדירונגען אין אנדערע וויַיטע שטעט (יענע אייַדעס פון די ארבעטער, וואָס זיַינען פאר זיי מער געפערלעך).

און זוך זיי דענסטמאָל.

שווער איז געווען א צעשעדיקטן ארבעטער, אויסצוהאלטן א יאָר־צוויי קאמף.

אן אנדערער איז בעגאנגען בעטלען אין גאס, אן אנדערער, אין בעסטן פאל, — אן ערד־כיילעק.

געפינען א וועלכע ניט איז ארבעט איז דעם צעשעדיקטן געווען קימאט אומעגלעך.

און אָט בא אזעלכע באדינגונגען איז דער ארבעטער אומפארמיַידלעך געגאנגען אף דעם פאָרשלאג פון „אייביקן אָרט". דער פארוואלטער אָדער עלטסטער מיַיסטער פלעגט אים רופן אין קאבינעט און פלעגט אים אף אויג איַינריידן „מאכן א שאָלעם", נעמען פון 10 ביז 50 רובל פאר דער צעשעדיקונג, ארויסגעבן א נאָטאריאַלן צעטל און באקומען דעם אייביקן אָרט, ד. ה. דינען ביזן סאָף לעבן פארן פריערדיקן געהאלט. די שרעקלעכע נייט צווינגט איַינשטימען. דער צעטל מיט דער היטכיַיוועס קיינמאָל ניט מאָנען, אין מערסטנטייל פאלן אָן אן אָנוויַיזונג וועגן אייביקן אָרט, איז ארויסגעגעבן, און דאָ ערשט ווערט קלאָר, וואָס עס איז אזוינס דער „אייביקער אָרט". אויב וועגן אים איז ניט דערמאָנט אין צעטל, לייגט דער פארוואלטער פאָר די שאָמרים ניט לאָזן אין קאָנטאָר און אפן זאוואָד דעם ארבעטער מיט אן אייביקן אָרט, טריַיבן האלדז און נאקן, אויב אָבער, ווי אן אויסנאם, איז עס אין צעטל יע אָנגעוויזן, פארשטייט זיך, ביטניַי, דענסטמאָל לאָזט מען אָפארבעטן א כוידעש דעם אנדערן, און קלוימערשט פאר ניטפעיִקיַיט צו דער ארבעט, זאָגט מען אָפּ מיט עפעס אן אויסרייד. הערנדיק וואָס עס דערציילן געליטענע ארבעטער וועגן אָט דעמדאָזיקן שווינדל און אָפנארעריַי, האָב איך עטלעכע מאָל געוואָלט צוציִען אזא פארוואלטער צו קרימינעלע פאראנטוואָרטלעכקיַיט פאר אריַינציִען יענעם אין א ניטלויִנעוודיקן אָפּמאך.

נאָר טאָן דאָס האָט זיך ניט איַינגעגעבן, וויַיל דער שמועס וועגן „אייביקן אָרט" צווישן דעם צעשעדיקטן און דעם פארוואלטער פלעגט שטענדיק פאָרקומען אויג אף אויג.

א פוס פאַר 20 קאָפּעקעס.

לעבן מיר זיצט א יוגנטלעכער ארבעטער — ארדאשעוו. ער איז געקומען אף קוליעס. די רעכטע פוס איז בא אים אָפּגעריסן ביזן קני און איז ארומגעוויקלט מיט א ווייַסער, נאָר גאָר פרישע מערליע.

מיט דריַי כאדאָשים צוריק איז ארדאשעוו צום ערשטן מאָל געקומען צו פאָרן פון דאָרף אין שטאָט אריַין און איז טייקעף אָנגעקומען אפן עלעקטרישן זאוואָד פאר א שווארצארבעטער. אינעם ערשטן טאָג פון דער ארבעט איז אים אויסגעקומען צוזאמען מיט נאָך ארבעטער אריבערשלעפן אין ווארשטאט אף וואָליקעס א טשוהונענע קאָלאָנע, וואָס האָט געוועגן 500 פוד. מע האָט זי געשלעפּט פאר צוגעבונדענע שטריק. קיין שום קאָמאנדע איז ניט געווען, קיין „דובינישקע" האָט מען ניט געזונגען, עס איז געווען א טומל, א ראעש — שוועור געווען וואָס ניט איז פאנאנדערצוקלייַבן.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די קאָלאָנע האָט מען ניט ריכטיק צוגעקייַקלט: דער וואליק איז ניט אריַינגעפאלן גלייַך אין טיר, נאָר ער האָט זיך פארטשעפּעט פארן אושאק. עמיצער האָט אויסגעשריַען: „צוריק!" צענדליקער הענט האָבן זיך געכאפּט פאר דער קאָלאָנע און האָבן זי א ריס געטאָן צוריק.

ארדאשעוו האָט גאָרניט געהערט און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער קאָלאָנע. דער וואליק האָט זיך ארופגעקייַקלט אף זייַן פוס. ארדאשעוו איז געפאלן.

די פינפהונדערטפודיקע קאָלאָנע איז דורכגעפאָרן איבער זייַן פוס, האָט צעשמעטערט אין איר די ביינער! און איצט, ווען ער דערציילט וועגן אָט דעם גרויסן אומגליק, ציטערט זייַן גאנצער געזיכט, די אויגן זייַנען רויט פון טרערן...

— פאר 80 ק. אָפּגעגעבן א פוס, — רעדט ער מיט א ציטערנדיקער שטים: — בלויז איין טאָג אָפּגעארבעט, און ניטאָ קיין פוס, מע האָט מיר פאָרגעלייגט גראָבן א גאָרטן. 60 קאָפּיקעס א טאָג האָט מען געגעבן, און אפן זאוואָד קאָן מען 80 פארדינען. כ'קלער, מע דארף קויפן א פערד, אפן זאוואָד וועט זייַן גיכער... פאר 20 קאָפּעקעס האָב איך א פוס פארקויפט, האלט מען כאָטש אפן גאָרטן ניט פאָרלייגן!.. געגאנגען הייַנט אפן זאוואָד... „מיר וועלן דיר גאָרניט געבן, — ענטפערט מען: — דו האָסט די קאָמאנדע ניט געהערט, ביסט

אליין שולדיק און בא אונדז האָסט גאָרניט פאַרדינט — בלויז איין טאָג גע־ארבעט"...

און ווי נאָר איך באקלער זיך, אז כ'האָב מײַן פוס פאר 20 קאָפּיקעס פאר־קויפט, ווערט מיט ניט גוט און קאַלט... 20 קאָפּיקעס... פאר 20 קאָפּיקעס האָב איך באַם פּאָרעץ דעם גאָרטן פאר א האלבן טאָג צורעכט געמאכט, פאר צוואנציק קאָפּיקעס האָב איך צום פּאָטערל די לערערקע געפירט... און פאר די גאנצע אכציק בין איך אפן וואָקזאַל געפאָרן — פּאָרסט ארויס פאר ליכטיק, און צו מיטיק קערסטו זיך אום!

— פאר אכציק קאָפּיקעס...

און ער דערמאָנט זיך ווען און ווי אזוי ער האָט פאַרדינט 80 קאָפּיקעס. ניט פאַרלירנדיק קיין פוס.

— אכציק קאָפּיקעס... אַכציק...— כאָזוערט ער פארטראכט שטיל און ציטערט, פאַרטשעפּעטנדיק מיטן האנט די ווײַסע מערליע.

— פאלט בא זיך ניט אראָפּ, — רײַס איז אים איבער: — אײַער איניען ווערט געוויס אָנגיין. קיין קאָמאַנדע איז ניט געווען. מיר וועלן זיך סטאַרען אופ־מאָנען.

פּראָלעטאַריער, פאַרייניקט זיך!

עס קומען צוויי ייִנגלעך, לויטן אויסזען פון א יאָר 14, אויסגעדארטע, בלייכע, מיט סיניאַקעס אונטער די אויגן.

ביידע קוקן זיי נאָכאנאנד איינער אפן אנ־דערן. לעסאָף האָט דער ייִנגערער פון זיי גע־נומען דערציילן, און איך דערוויס זיך אָט וואָס.

אף סאדאָווער, איינער פון די הויפּט־גאסן פון שטאָט, האָט זיך ניט לאנג געעפנט א נײַער „אמעריקאנער מאגאזין" פון הער ציאפּ־קין. אפן מאגאזין איז די סאמע לענגסטע שילד אין שטאָט מיט גרויסע גאָלדענע אויסעס. דער מאגאזין איז א גרויסארטיקער; אין אים איז א פראכטפולער אויסוואל פון זאכן; דער באלעבאָס אליין איז פרײַנטלעך און איידל; אין די פענצטער פון מאגאזין, מיט די גרויסע שפּיגל־גלאָזן, ברענען באנאכט צוויי רויטע אויווע־לעך; נאָר אונטער אָט דעם גאנצן גלאנץ, אין א פינצטערער קעלער־דירע,

וואָס אירע צוויי קליינע פענצטערלעך זײַנען קוים קאָנטיק, געפינט זיך א מעכאַנישער ווארשטאט פון דעמזעלבן אייגנטימער הער ציאפקין.

אין וואַרשטאט, וואָס איז מער ענלעך אף א קעלער, ארבעטן 7 מאן—איין מײַסטער און 6 לערנייִנגלעך.

דער ארבעט־טאָג דויערט פון זעקס אינדערפרי ביז זיבן אזייגער אינאָווונט. אין מעשעך פון אָט דער צײַט ווערט אף מיטיק געגעבן איין שאָ, און אף אָנבײַסן א האלב־שאָ. עסן עסט מען דאָ אפן אָרט. אין געבײַדע איז ניטאָ קיין שום ווענטיליאציע, עפענען א ליפטל דערלויבט ניט דער הער ציאפקין, ער זאָגט: „איר וועט אָנקילן דעם ווארשטאט, און נאָכדעם וועט איר ברענען האָלץ”.

פאר דער קלענסטער זאך קריגן זיי קלעפ ווי פון באלעבאָס אליין, וואָס לאָזט זיך פון צײַט צו צײַט אראָפּ פון זײַן פראכטפולן „אמעריקאנער מאגאזין” אינעם כווישעכדיקן קעלער און ווערט דאָ „אומגעביטן”, אזוי אויך פונעם מײַסטער, וואָס האלט, אז 6 געשלאָגענע זײַנען ווערט 36 ניט געשלאָגענע. די קינדער וויסן ניט קיין רו אויך זונטיק: אין דעם טאָג גאָר פאר טאָג גייען זיי ארויס פון קעלער (דאָ בלײַבן זיי נעכטיקן שאבעס) אין מאגאזין, קעדיי אויסרײַבן די פארקעטן און צוגרייטן זיי ביז 12 אזייגער. נאָך 12 דעם זייגער גייען די ייִנגלעך אריבער פון מאגאזין... אין די צימערן פון הער ציאפקין וואשן דאָרטן די פאָדלאָגעס. די ייִנגלעך ארבעטן אומזיסט. נאָר אויב אין לאָמפּ פלאצט די גלאָז, צווינגט דער הער ציאפקין דעם ייִנגל, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, קויפן א גלאָז „פאר אייגענע געלט”, און די ייִנגלעך וויינען, ארויסנעמענדיק דעם לעצטן צענער.

אגעוו, איינמאָל האָט הער ציאפקין אליין באצאָלט פאר א גלאָז, וואָס א ייִנגל האָט צעבראָכן. „סאשקע, גיב דעם לאָמפּ”, האָט זיך דערהערט א בייזע שטים פון באלעבאָס אין קאָרידאָר, וועלכער פירט אין קעלער ארײַן. דער לערנייִנגל האָט זיך א לאָז געטאָן זוכן דעם לאָמפּ. ער איז געשטאנען לעבן אים, נאָר ער האָט אים ניט באמערקט. לעסאָף האָט דער ייִנגל געכאפּט דעם לאָמפּ, האָט אים אָנגעצונדן און דערלאנגט דעם באלעבאָס. סאשקעס מארודזען האָט אופגעבראכט דעם הער ציאפקינען. ער האָט מיטן גאנצן קויעך אראָפּגעלאָזן א פאטש דעם לערנייִנגל.

סאשקעס קאָפּ איז ארופגעפאלן אפן גלעזל פון לאָמפּ און האָט זיך צוזאמען מיטן גלאָז א זעץ געטאָן אָן וואנט. אפן קאָפּ איז געוואָרן א גוז—די גלאָז האָט ניט אויסגעהאלטן און איז צעפלויגן געוואָרן אף פיצלעך. דאָס מאָל האָט דער הער ציאפקין ניט געזאָגט קיין איין וואָרט וועגן דער גלאָז.

באם הער ציאפקין אין דער לערע געפינען זיך די ייִנגלעך אין מעשעך פון פיר ביז פינף יאָר.

קעדיי קומען פון וואָלכאָווער געסל (זיי לעבן בא די עלטערן) אף דער ארבעט, דארפן די ייִנגלעך אופשטיין 5 אזייגער פארטאָג. באם ענדיקן די ארבעט, 7 אזייגער איִנאָוונט, זיינען זיי מעכויעוו צוקלייבן דעם ווארשטאט, וואָס עס געדויערט ניט ווייניקער פון א האלב שאָ. קעדיי דערקלייבן זיך אהיים, דארפן זיי פאטערן בא א שאָ צייט. בעסאכאקל זיינען זיי פארנומען פון פינף פארטאָג ביז האלב ניין, אָדער 15 א האלבע שאָ! אין מעשעך פון אָט דער צייט עסן די ייִנגלעך ניט קיין הייסע שפייז און קומען אָפּ מיט הערינג, שיראַים פון ווורשט, טיי אָן צוקער מיט ברויט. אפילע קיין פּאָשעטע קאשע זעען זיי קיינמאָל ניט אין די אויגן.

און אָט איצט, אונטער דער ווירקונג פון דעם ייִנגערן פּיאָטער, האָט סאשקע באשלאָסן באשטראָפן דעם הער ציאפקין.

— זאָל מיך דער טאטע שמייסן,—זאָגט סאשקע,—נאָר אין געריכט גיט אָן.

— שרעק זיך ניט, סאשקע,—באמערקט דער ייִנגערער,—ער וועט דיך ניט פארשמייסן, וואָס מע וועט מיט דיר ניט טאָן, וועט גאָרניט ווערן: דו ביסט א פעסטער פּראָלעטאריער. ער האָט אים אזא שטויס געגעבן צום וואנט, אז דער קאָפּ איז שיר ניט צעפלויגן! צי איז ניט קיין עמעס, הער?—ווענדט ער זיך שוין צו מיר:—א טויטע פיש שווימט שטענדיק מיטן וואסער, און א לעבעדיקע גייט קעגן וואסער.

— ווער האָט עס אייַך געזאָגט?

— אזוי, א מענטש א ווילער, א טייַערער, אן עמעסער... ער איז ארומגעבאנגען אלע זאוואָדן, ארומגעפאָרן די גאנצע וועלט, און איצט שטייט ער אפן האפן: פארנעמט זיך מיט שווערער ארבעט. „דו,—זאָגט ער מיר,—שמוציקער נאָז, שלאָף ניט און מיט דייַן קעפל מיט די כאווערים ארבעט, און באקוק זיך ארום—פּראָלעטאריער, פאראייניקט זיך”. ער האָט אונדז אויך אייַער אדרעס געגעבן...

— איך קאָן ניט אזעלכן...

— ער ווייַזט אויך אנדערע אָן אייַער אדרעס... „ווי נאָר,—זאָגט ער,—כאָטש עפּעס א סרייפע אין א פּעסל וואסער באווייַזט זיך, דאָרטן רוק איך זייַן אדרעס”.

איך נעם זיך פאר סאשקעס איניען און באשליס צו גיין צו זייַן פּאָטער, ווייַל סאשקע אליין קאָן נים אופהייבן קיין פּראָצעס, און דערצו דארף מען אויך צערייַסן דעם אָפּמאך וועגן שילערייַ.

— זעסט, סאשקע,—מורמלט שייַנענדיק דער ייִנגערער,—דייַן זאך וועט געווינען. ווארט, עס וועט נאָך קומען אויך מייַן צייַט... מיר וועלן זיך אלע פאַרייניקן.

אויסצייכענונג־סימאָנים

א גרויער אַלטער, אין ברילן, זעצט זיך שווײַגנדיק אפֿן שטול און קריכט מעיר־שעוודיק מיטן האַנט אין קעשענע; ער שטרעקט מיר אויס א פּערטל פאַרשריבענע פּאַפּיר און קוקט דורכדריגנענדיק איבער די ברילן.

און איך לייען:

„סימאָנים פון צעשעדיקטקײַט בא פּיאָטר איוואַנאָוו.

1886 יאָר, דעם 11־טן אָקטיאַבער. צוגע־קוועטשט געוואָרן פון א פּאַסאַזשיר־ראָד אין צענטער פון פינגער, פאַראַן א סימען.

1888 יאָר, דעם 20־טן פעווראַל געשעדיקט דורך דער מאַשין, אין גאַנג האָט זי געשניטן און אָפּגעשפּרונגען.

1889 יאָר, דעם 2־טן מאַרט. צעשעדיקט די ברוסט אָן צופּאַרט און דעם רעכטן אַקסל, עס איז אָפּגעשפּרונגען א שליסל פון שרויף.

1890 יאָר, דעם 17־טן דעקאַבער, מע האָט געקײַקלט א ראָד און מע האָט אַרופגעקײַקלט, סע האָט צעקוועטשט דעם טראָט און דרײַ פינגער, כ׳פּיל א שרעקלעכן ווייטיק.

1892 יאָר, 7־טן אויגוסט, באַקומען א באַנדאַזש פון דאָקטער הער יאַקאָוולעוו.

1898 יאָר, 26־טן אויגוסט, עס האָבן געפּלאַצט די ציינדלעך אין מאַשין און עס האָט אָפּגעשפּרונגען איין ציינדל מיר אין זײַט, באַם דאָקטער ניט גע־מאָלדן.

1898 יאָר, 30־טן סענטיאַבער, פון גאָלדאַריי אין דער עפענונג פון שלייף־מאַשין איז אַראָפּגעפאַלן דער קופּערנער קראַן, וואָס וועגט 5 פונט, האָט א קלאַפּ געגעבן אין רעכטן אַקסל. עס טוט ווײ. באַם דאָקטער ניט געווען, דעם מײַסטער געמאָלדן.

1899 יאָר, פון 23־טן דעקאַבער האָב איך א גרויסן כראָנישן הוסט ביז הײַנטיקן טאָג און א גרויסע שוואַכקײַט. א בלינדער, א טויבער, די הענט טוען ווײ, זיך אונטערגעריסן, אין די פיס א גרויסער ווייטיק און א קאָפּ־ווייטיק. פּיאָטר איוואַנאָוו".

— 20 יאָר געדינט אין די וואַגאָן־וואַרשטאַטן, — זאָגט דער אַלטער, — איצט האָט מען מיך געלאָזן; צי דען קאָן מען גאָרניט?

— יאָ, אַלטער, אויסצייכענונג־סימאָנים א פולע, פונקט ווי אונטער שיפּקע געווען, און קיין פענסיע בא דידאָזיקע קלאָווים ניט פאַרדינט!

„ניטאָ קיין קאָוועד באַם ארבעטער"

אָף מײַן אײגענעם קאָפּ האָב איך פארטראכט אפן זאוואָד צו גײן,— זאָגט אן אלטער ארבעטער,— א זיכערער געהאלט: אָפּגעארבעט, וויפל מע דארף, און פרײַ... און אָט בין איך טאקע אָנגעקומען פאר א שווארצארבעטער אפן קעסל־זאוואָד פון סעמיאָניקאָוון. מיר האָבן געהײבן אָף קײטן א קעסל. געצויגן האָב איך פארן קײט, וו־אנדערע,— געסטארעט זיך ווי געהעריק.

דאָס מאָל האָט דער דירעקטער בליר־מער אלײן אָנגעפירט...

פּלוצים איז ער צוגעשפרונגען צו מיר און האָט זיך אָנגעוואָרפן מיט די ערגסטע ווערטער: „איך וועל דיך, פאסקודניאק, אָפּזאָגן!"— שרײַט, און איך ארבעט זיך שטילערהײט, איך לײג צו די הענט. כ'קלער, דער הונט וועט זיך אָפּטשעפּען. ער איז אָפּגעגאנגען... נאָר איז ווידער פּלוצים צוגעשפרונגען צו מיר, געכאפּט פארן שאל אפן האלדז, האָט מיר פארקוועטשט די האלדז און אוועקגעשלעפּט. א טריט צען האָט ער געשלעפּט צום טיר, פארפאָרן אין אויער ארײַן און א וואָרף געטאָן אָן דער ערד... פארוואָס איז אזא זאך געשען, ווײס איך אלײן ניט... נו, קלער איך, ווען כ'בין געווען א פּורמאן, האָט די פּאָליציי מיך געהאלטן אין אײן באשטראָפן: איך ווײס שוין די פּאָליציַישע גענג,— עפּשער וועט כאָטש איצט די פּאָליציי זיך אָנעמען...

אוועק בין איך אין צירקל צום פּריסטאוו, און ער האָט אינדערעמסן פאראָרדנט— האָט מיר געגעבן א צעטל צום פּאָליציַישן דאָקטער... נאָר יענער האָט אין דרײַ טעג ארום מיך באטראכט, נו, א פּאפּיר האָט ער ארויסגעגעבן. אָט איז זי,— האָט ארויסגערעדט דער אלטער.

איך בין דורכגעלאָפן מיט די אויגן די צײַגעניש. אין איר ווערט געזאָגט, אז באַם פּויער סעליפאנטאָוו האָט דער פּאָליציַישער דאָקטער ניט געפונען ניט קײן בראָך פון א בײן, ניט קײן לונק, ניט קײן אויסערלעכע סימאָנים...

— יאָ, נאָר בא אײַך האָט מען דאָך גאָרניט געפונען?

— פאר דרײַ טעג וועט אפילע יעטווידער וווּנד זיך אויסהײלן, האָט באמערקט סעליפאנטאָוו,— נאָר אָף א געהאנגענעם בלײַבט דער סימען פון דער שטריק, און איך בין, גאָט צו דאנקען, לעבן געבליבן. פאר דרײַ טעג זײַנען זיך אלע סימאָנים אָפּגעגאנגען... און פארוואָס האָט ער מיר אזוי באלײדיקט,

קאָן איך אַלץ פאַר קיין פאַל ניט באַנעמען... דעריבער וויל איך טאַקע זיך מישפּעטן לויטן געזעץ, ווען ניט, איז פּאַשעט אַ ווייטיק...

איך האָב אָנגעשריבן סעליפאַנטאָוון אָן אָנקלאַגע צום פרידנס־ריכטער מיט אַ ביטע צוצו̇יען צום געריכט דעם דירעקטער פאַר באַליידיקן מיט ווערטער און מײַסים און פאַר גוואַלדטאַטן.

צום געריכט איז געקומען דער דירעקטער אַליין. ווען דער ריכטער האָט דערוויַיטערט די איידעס אין אַ באַזונדער צימער, האָט דער דירעקטער צום אָנהייב דערקלערט, אַז סעליפאַנטאָוו האָט זיך גענומען ניט פאַר יענער קייט פון בלאָק, ניט פאַר דער, וואָס הויבט אויף, נאָר וואָס לאָזט אַראָפּ, און ער, מוירע־האָבנדיק, אַז דער קעסל זאָל זיך ניט אַראָפּלאָזן און דערשטיקן עמיצן פון די מענטשן, האָט אַ כאַפּ געטאָן סעליפאַנטאָוון און האָט אים אָפּגעשלעפּט פון קעסל. דערבײַ האָט ער פון היציקייַט אים אַ זידל געטאָן. נאָר אין צוויי מינוט אַרום האָט דער דירעקטער געבעטן אַ דערלויבעניש אַרײַנטראָגן אַן אויסבעסערונג.

— איך האָב זיך דערשראָקן, הער ריכטער,—האָט ער דערקלערט,—אַז דער קעסל וועט זיך אַראָפּלאָזן און וועט דערשטיקן סעליפאַנטאָוון גופע, דעריבער, וועלנדיק אים ראַטעווען, האָב איך, בעעמעס, אים אַ כאַפּ געטאָן און אָפּגעשטויסן; ער האָט זיך אָבער פאַרטשעפּעט און געפאַלן...

איך האָב זיך אַ קער געטאָן צו סעליפאַנטאָוון. דער אַלטער איז געשטאַנען מיט אַ שטרענגן פאַרגליווערטן, בלייכן פּאָנעם און האָט פאַראַקשנט געשוויגן.

עס האָבן אָנגעהייבן אַרויסטרעטן די איידעס—שכיינים לויט דער אַרבעט. אַלע האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי האָבן גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט...

איינער האָט דערקלערט, אַז צוליבן קעסל איז ניט געווען קאָנטיק; דער צווייטער—אַז ער איז טויב געוואָרן פון די קלעפּקעס, ער טראָגט וואַטע אין די אויערן און האָט גאָרניט געהערט...

און דאָס אַלץ ווי אויסגעלערנט...

עס איז אַרויסגעגאַנגען נאָך איינער, דער לעצטער איידעס, און האָט פלינק אַרויסגערעדט:

— איך האָב גאָרניט געזען און ניט געהערט, הער ריכטער!... ניין,—האָט ער זיך הייס אַ כאַפּ געטאָן.—איך וועל זאָגן דעם עמעס, דעם ריינעם עמעס!.. אַלץ געזען און געהערט... מיר האָבן געשלעפּט דעם קעסל, אַלע פאַר איין קייט, און סעליפאַנטאָוו האָט אויך פאַר מיר געשלעפּט, נאָר ער איז אביסל ניט קיין באַוועגלעכער,—אַ דאָרפישער אָדער ניט קיין געניטער,—ווער ווייס אים. ער האָט דעריבער שוואַכער געשלעפּט... דער הער דירעקטער איז געקומען אַפן זאַוואָד ניט אין אַ גוטער שטימונג: אַלעמען האָט ער אין דעם טאָג געזידלט... נו, און אַף אים האָט ער זיך אַרופגעוואָרפן, נאָכדעם האָט ער אים

געכאפּט פאַרן קאָלנער, אָוועקגעשלעפּט, און אַ וואָרף געטאָן אָן דער ערד, נאָר, אַז ער זאָל שלאָגן—דאָס האָב איך ניט געזען...

איך האָב דעם אַיידעס פאַרגעבן אַ פראַגע, צי איז געווען פאַר סעלי־פאַנטאָוון אַ געפאַר. ער האָט געענטפערט: „ניין”, און האָט דערציילט, אַז אונטערן קעסל זײַנען געלעגן אונטערגעלייגט אײַזנס ווי הויכע בענק; ווען אפילו דער קעסל וואָלט זיך אַראָפּגעריסן פון קייט, וואָלט ער אויך דענסטמאָל ניט צוגעשטיקט...

דער ריכטער האָט אָפּגעלאָזן די אַיידעס.

— הערט,—האָט ער זיך געווענדט צו מיר,—דעם איניען דאַרף מען ענ־דיקן מיט אַ שאָלעם... איר ווייסט דאָך, אין ברען פון דער אַרבעט: ניטאָ דאָ קיין צײַט אויף צוקלײַבן דעליקאַטע אויסדריקן... נו, וואָס פאַר אַ קאָוועד קאָן זײַן בײַ אַזאַ פּאָשעטן, גרויען פּויער? דאָס האָט איר אַליין אים דעם קאָוועד אָנגעבונדן, טאַקע אויסגעקלערט. ער דאַרף געלט אויף אַ שטיקל ברויט. ענדיקט דעם איניען מיט שאָלעם; דער הער דירעקטער וועט אים צוריק צונעמען...

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניט.

— ניט מאַסקים?... ווי איר ווילט,—האָט זיך דער ריכטער אַ קער געטאָן צום דירעקטער.—נו, טאָ גיט, הער בליומער, אים (דער ריכטער האָט אָנגע־וויזן אויף סעליפאַנטאָוון) אַ רובל דרײַ און עק צום איניען... צי לוינט זיך גאָר אייסעקן...

— פרעגט בײַ סעליפאַנטאָוון אַליין,—האָב איך באַמערקט.

— קיין זאַך אײַערע דאַרף איך ניט, און קיין רובלען וועל איך ניט נעמען,—האָט פלוצים צאָרנדיק אויסגעשריִען דער אַלטער.—פון הונגער וועל איך פּײַ־גערן, און וועל ניט נעמען... איך האָב אַליין שטראָפן באַצאָלט און האָב ניט געבעטן זיך!... איך זאָג זיך אָפּ.

נאָך עטלעכע מינוט, און דער פרידן־ריכטער האָט דערקלערט—אָכ!—אַ רעכטיקונג־אורטייל דעם דירעקטער...

מיר זײַנען אַרויס אין גאַס.

איך האָב דערציילט סעליפאַנטאָוון, אַז דעם איניען קאָן מען איבערגעבן ווײַטער, און אָפּן צוזאַמענפּאָר פון די פרידן־ריכטער ווען ער זיכער געווינען.

— מע דאַרף ניט,—האָט ער געענטפערט אַנטשלאָסן,—לאָמיר אָנשפּײַען אויף אים! אַדאַנק אײַך... געזען ווי איר האָט זיך געסטאַרעט... אָט אַ ריכטער! געפאָרן בין איך איינמאָל אויף אַ בלינדער שקאַפּע; זי האָט גאָרניט געזען—קוקסט מיט ביידע אויגן, אַז זי זאָל אויף עפּעס ניט אַרופקריכן... איך האָב גע־הערט דעמדאָזיקן ריכטער און דערמאָנט זיך אויף מײַן שקאַפּע... עס איז געוואָרן זייער פאַרדראָסיק... ניין, כ'וועל אַוועקגיין וואָס ווײַטער פון די זאַוואָדן, איך וועל זיך ווידער פאַר אַ פורמאַן פאַרדינגען—דאָרטן איז בעסער...

א שטעמפּעלע

אײנמאָל האָט זיך צו מיר געווענדט א יונגטלעכער ארבעטער. ער האָט שווײַגנדיק פאנאנדערגעוויקלט פאר מיר זײַן פאספּאָרט אפן נאָמען דמיטריעוו. ער האָט אָנגעוויזן אף דער פארקערטער זײַט, ווו די פּאָליציי פלעגט געווייגטלעך צושרײַבן און אָנקלעפּן מארקעס פון קראנקן־אָפּצאָל, און האָט א ווײַז געטאָן מיטן פינגער אף א ניט גרויסן קײַלעכדיקן גרינעם שטעמפּל מיטן אופשריפט: „וועבערײַ־פאבריק פון דער געזעלשאפט ק. יא. פאל און קאָמפּ.", אינעווייניק איז ארײַנגעשריבן מיט טינט דער וואָרט „וועבער".

— אָט וואָס פאר אן איניען!

איך האָב בעעמעס גאָרניט פארשטאנען.

— א קלײן שטעמפּעלע, נאָר א גרויסע צאָרע פאר אלע ארבעטער,—האָט ארויסגערעדט דמיטריעוו,—צי קאָן מען ניט ווי ניט ווי פארניכטן? מע שטעמפּלט דאָך אונדז פונקט ווי קאטאָרזשניקעס...

— נאָר אין וואָס באשטייט די צאָרע?

— אָט אין דעם, וואָס מיט אזא שטעמפּל נעמט קײן אײן פאבריק ניט צו אף דער ארבעט. מע דארף אָדער בײַטן דעם פאספּאָרט, אָדער מעלדן אין פּאָליציי, אז מע האָט אים פארלאָרן. קומסט אפן פאבריק, קוקט מען די ערשטע זאך אין פאספּאָרט, צי איז ניטאָ קײן שטעמפּל. רײנע נעמט מען, און מיטן שטעמפּל טרײַבט מען: „דו,—שרײַט מען,—ביסט א בונטאָוושטשיק, דיך האָט מען פון מאקסוועליעווס פאבריק דורכגעטריבן".—„נײן,—זאָג איך,—איך בין ניט קײן בונטאָוושטשיק, בא אונדז אפן פאבריק איז אפילע קײן בונט ניט געווען, איך בין אלײן אוועק, א קלײנער געהאלט געווען. דערוויסט זיך באַם פארוואלטער, פאראן בא אײַך א טעלעפאָן". און ער זײַנט: „גײ, גײ, גײ ווײַטער,—ער וויל אפילע ניט הערן,—מיר האָבן קײן צײַט ניט זיך אָנפרעגן, מיר האָבן אזוי אויך גענוג מענטשן, וואָס פארלאנגען ארבעט. אויב ניט פאר א בונט, איז פאר שלעכטער ארבעט אָדער גראָבקײַט אָפּגעזאָגט". און אזוי קאָן מען זיך גאָרניט דערשלאָגן. קײן אײן טעקסטיל־פאבריק נעמט ניט אָן. מע זאָגט, אז נאָכן שטרײַק האָבן זיך די פאבריקן צונויפגערעדט ניט דערלאָזן אזעלכע, אז קײנער זאָל ניט ווארפן זײַן פאבריק: אָנגעקומען און האלט

זיך באם אָרט, און אויב ניט, וועט דיך קיינער ניט צונעמען. ווען סטו נאָר אָנקומען אַף אן אָרט, גלייך וועט מען אָפּשטעמפּלען... מע וואָלט באַדאַרפט העלפן די אַלע היגע אַרבעטער, באַפרייען זיי...—האָט אַרויסגערעדט דמיטריעוו אופריכטיק און פּאָשעט, און אין זיינע קלוגע אויגן האָט א שיין געטאָן א פייערל...

איך האָב באַנומען די באַדייטונג פון שטעמפּל. די אַרבעטער האָבן געדינט אַף די פאַבריקן צו אַסאַך יאָרן נאָכאַנאַנד, און אַזעלכע, וואָס צו 20‒30 יאָר, זיינען געווען ניט קיין זעלטענע זאַך. עמעס, די אַלטע האָט מען געסטאַרעט זיך „אויסהאָבן", דערפאַר האָט מען געוויינלעך געדינט צו 10‒15 יאָר...

פאַר דעם אַרבעטער, וועלכער בייט קימאַט ניט דעם אָרט, האָט איין אָפּמערקונג וועגן אומבייטן די פאַבריק שוין אָנגעוויזן אַף „ניט-איינגעלעבטקייט"!...

און די פאַבריקן האָבן געקאָנט, אַפילע זיך ניט צונויפרייידנדיק, טרייבן די „אָפּגעמערקטע" אַרבעטער, צוליב איין מוירע פון „ניט-איינגעלעבטקייט".

אָבער מיר איז געקומען אין קאָפּ אַן אַנדער געדאַנק, פאַרוואָס אַזעלכע שטעמפּלען זיינען בוילעט אומגערעכטיק.

— פאַר מיר פּערזענלעך,—האָט דערווייל גערעדט דמיטריעוו,—איז דער שטעמפּל ניט וויכטיק. מיין פּאַספּאָרט איז בעסאַכאַקל אין קראַפט נאָר אַף איין כוידעש,—אַלציינס דאַרף מען אָפּשיקן, נאָר טאָן עפּעס וואָלט געווען זייער גוט.

— און איידעס וועלן זיך בא אייך געפינען, אַז אַפן פאַבריק נעמט מען מיט א שטעמפּל ניט צו?

— ווי דען אַנדערש, מיר, פיר מענטשן, האָבן צוזאַמען דורכגעשפּרייזט אַלע וועבער-פאַבריקן, עס האָט זיך געוואָלט אויספּרוּוון, צי עס איז אן עמעס. קומסט אַף אַזאַ, ווו עס איז פאַראַן אן אָרט. „גוט",—זאָגט מען,—מיר דאַרפן וועבער; פון דינסטיק קען מען קומען", נאָר מע גיט א קוק די פּאַספּאָרטן—און פּלוצים זאָגט מען אונדז, אָפּגעשטעמפּלטע, אָפּ...

— צי דאַרף מען אַסאַך צייט אַף בייטן דעם פּאַספּאָרט?

— בא א כוידעש וועט געדויערן.

— ווייניקער פון צוויי וואָכן, מיינט איר, קאָן מען פאַר קיין פאַל ניט?

— וואָס רעדט איר, פאַרשטייט זיך, מע קאָן ניט.

— איר האָט דאָ לאַנדסלייט?

— טווערער מיינט איר? וויפל איר ווילט.

— הייסט עס, זיי וועלן אויך באשטעטיקן?

— יאָ.

און אָט נאָך א זאכלעכן שמועס וועגן פארדינסט, קעדיי איינשטעלן די גרויס פון העזעק צוליב פאטערן דעם פאספּאָרט, האָב איך באשלאָסן דער־לאנגען אף דער געזעלשאפט פון פאבריק א מאָנונג אף 12 ר. העזעק.

שוין אף דער ערשטער זיצונג באם פרידנריכטער איז אלס אונדזער קעגנער ארויסגעטראָטן א געניג באוווסטער יוריסט. נאָך ביזן פאנאנדערקלייבן דעם איניען איז ער צוגעגאנגען צו מיר און האָט אָנגעהייבן איבערצייגן ליק־ווידירן דעם איניען. „איצט, נאָכדעם, ווי איר האָט אָנגעגעבן אין געריכט, האָט מען בא אונדז אופגעהערט שטעלן שטעמפּלען... נאָר צו וואָס זאָל איך גיין אין אָט דער שענק־שטיקעניש צוליב 12 רובל?! זאָל זיך אייער קליענט אָפּזאָגן פון זיין מאָנונג און זאָל ער דערקלערן אפן געריכט, אז ער אליין האלט זי פאר לאכלוטן ניט באגרינדעט. אויב ער וועט געבן אן ערן־וואָרט, אז ער וועט קיינעם ניט דערציילן, וועל איך אים ארויסנעמען פון מיינע איי־גענע מיטלען 15 רובל, אבי ניט פאָרן אהער”...

איך האָב דעמדאָזיקן שמועס איבערגעגעבן דמיטריִעוון.

ער איז געווען באגייסטערט.

— נו, זייער גוט. הייסט עס, עס האָט גענומען, — האָט גענומען ריידן דמיטריִעוו, גלאנצנדיק מיט די אויגן. — פארשטייט זיך, ניט ענדיקן! מישפּעט זיך, און גאָר. וועלן מיר פארשפּילן — ניט קיין אומגליק! איך האָב איינך גע־בראכט צוויי רובל אף הויצאָעס, עפשער וועט צוניק קומען. איצט אָן אָרט: מערער איז שווער...

איך האָב פארן ריכטער פאנאנדערגעוויקלט מיינע מאָטיוון.

— איר גיט נאָר א קלער, הער ריכטער, — האָט דערקלערט דער קעגנער, וויפל ארבעטער וועט אויסקומען צאָלן, אויב דער וועט אויסשפּילן דעם איניען: דענסטמאָל וועט דאָך רוּינירט ווערן אונדזער געזעלשאפט... נאָר, צום גליק, מיר האָבן אין אונדזערע הענט א באוויז, אז מיר זיינען גערעכט...

דער קעגנער האָט זיגרייך ארויסגענומען אן אלטן, פארגעלטן נומער „פּאָ־ליצעיִשע נאכריכטן” און האָט באוויזן אן אָפּגעדרוקטן צירקוליאר פון גובער־נאטער.

— איר זעט אליין, הער פרידנריכטער, די פאבריק - אדמיניסטראציע האנדלט אפן סמאך פון א פאראָרדענונג פון העכער און איז דעריבער ניט פאראנטוואָרטלעך.

אין צירקוליאר האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אז די פאָליציי האָט ניט איינמאָל באמערקט, אז די ארבעטער דרייען זיך אויס פון איינצאָלן דעם אדרעס־שטייער און קראנקן־אָפצאָל, געבנדיק ניט קיין ריכטיקע ידיעות וועגן די ערטער, ווו זיי ארבעטן, צוליב דעם האָט דער גובערנאטער, איינלאדנדיק די פאבריק־זאוואָדישע אדמיניסטראציע צו הילף דער פאָליציי, געפאָדערט פון זיי אָפמערקן אף די פאספאָרטן די שטעלעס פון די ארבעטער. וועגן שטעמפלען מיטן נאָמען פון פאבריק האָט זיך ניט גערעדט.

דער איניען איז געווען פולקאָם קלאָר. דערדאָזיקער צירקוליאר, וועלכער האָט רייןפיקסאלע צוועקן, וועלכער איז געווענדט אף פארגרינגערן דער שטאָט אופזאמלען די שטייערן, האָט גאָר אָפגעשפּילט אן אומדערווארטע ראָלע... אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? געבליבן איז אָפשטעלן די מאָנונג, פרוון אָנקלאָגן זיך אין סענאט אף ניט ריכטיק אָנווענדן דעם גובערנאטערס געזעץ. נאָר מיטאמאָל פארשפּילן האָט זיך ניט געוואָלט. מיר האָבן געבעטן דעם ריכטער אָפלייגן דעם איניען. ער האָט מאסקים געווען.

ווען כ'האָב דערקלערט דמיטריעוון די האָפענונגלאָזיקייט פון דער לאגע, האָט ער זיך אף א האָר ניט באומרויקט.

— עס מאכט ניט אויס, — האָט ער געזאָגט פריילעך, — מיר וועלן אָנגעבן אין סענאט, נאָר טרעט ניט אָפ צוריק. קאָלזמאן מיר וועלן זיך מישפּעטן, וועט מען קיין האָוע ניט האָבן עמיצן צו שטעמפלען.

— און דער קעגנער האָט מיר נאָר וואָס געזאָגט באם ארויסגאנג, אז ער לייגט דאָך פאָר באצאָלן זיינע...

— ניין, כאפּט אים דער טייוול, קעמפט.

באם וויטערדיקן פאנאנדערקלייבן דעם איניען, האָב איך פארשפּילט. איך האָב זיך געווען געפרווט דערווייזן די שולד פון דער געזעלשאפט מיט דעם, וואָס אין צירקוליאר ווערט גאָרניט געזאָגט וועגן שטעמפל, נאָר מיט דעם איז, פארשטייט זיך, געווען שווער צו מאסקים זיין. איך האָב געבעטן פארהערן די איידעס, נאָר... אף ריין מאכן דעם געוויסן האָב איך אָנגעגעבן א קאסאציע צום צוזאמענפאָר פון די פרידנריכטער. גאָרניט.

נאָר ווען מיר האָבן זיך שוין צוגעקליבן דערלאנגען אן אָנקלאגע אין סענאט שוין אפן צירקוליאר, האָט דמיטריעוו אומגעריכט געמוזט אָפפאָרן אהיים... אזוי ארום האָבן מיר ניט אָנגעקלאָגט דעמדאָזיקן אָן שולד שולדיקן צירקוליאר. און ווער ווייס, צי דערפון וואָלט עפעס ארויסגעקומען... גוט, וואָס כאָטש עטלעכע כאדאָשים האָט מען ניט „געשטעמפּלט" קיין ארבעטער!

פראָוואָקאטער

איינמאָל איז צו מיר אפן אופנעם געקר־מען אן ארבעטער. זיין פּאָנעם און די הענט זיינען געווען אויסגעשמירט אין סאזשע, דאָס־גלייכן די בלאָע ארבעט־בלוזע. אפן אופנעם זיינען ארבעטער אין אזא אויסזען ביז אהער ניט געקומען — זיי פלעגן, קאָנטיק, פריער פארלויפן אהיים זיך איבערטאָן אין פידזשאק (אָפטער אין א בעגעד, פארשפּיליעט אף אלע קנעפּלעך), ארומוואשן זיך, כאָטש אייַלנדיק, און שוין נאָכדעם פלעגן זיי גיין זיך בּאראטן וועגן זייערע איניאָנים. נאָר איך וואָלט ניט געלייגט קיין אכט אף דער סאַזשע און דער בלוזע, ווען ניט איין מאָדנע זאך...

פון סאמע אָנהייב אדוואָקאטישער ארבעט האָב איך גענומען גריסן זיך און זעגענען זיך פארן האנט מיט אלע, וואָס האָבן זיך געווענדט צו מיר. לעסאָף פון אופנעם פלעגט די האנט ווערן איינגאנצן שווארץ, און איינמאָל איז אף מיר געוואָרן אפילע א לישיי. פארשטייט זיך, די האנט איז געווען בייטיק שטארק ארומוואשן, אָבער דערפאר האָבן די באזוכער זיך געפילט בעסער, געהאַלטן פּאָשעטער, און דעריבער האָט מען אפילע בא די סאמע שעמעוודיקע אָדער מער „דאָרפישע“ געקאָנט זיך גרינגער דערשלאָגן, וואָס זיי פארלאנגען. און אָט, לאכלוטן אומגעריכט פאר זיך, האָב איך געמאכט איין קליינקע אנטדעקונג: בא ארבעטער פון פארשיידענע פאבריקן און זאוואָדן ליגן פארשיידן אף דער דלאָניע די מאָזאָלעס, אָפּהענגיק פון דער פּראָדוציר־ארבעט. בא שליאָסערס (פון פייל און האמער) זיינען שטענדיק זייער גראָבע מאָזאָלעס באם סאמע ברעג דלאָניע (פּונקט ווי פון ארבעטן מיט וויאָסלעס), בא וועבער (פון ווארפן דאָס שיפל)—אף די עקן פינגער, בא די זאמלער פון מעכאנישע זאוואָדן—אף די עקן פינגער, און הארטע—אף דער דלאָניע א.א.וו. שוין נאָך א יאָר פּראקטיק, באגריסנדיק זיך פארן האנט מיט אן ארבעטער, האָב איך געקאָנט, אין אסאך פאלן ניט פרעגנדיק, זאָגן, מיט וואָס פאר א מין ארבעט ער פארנעמט זיך...

און וואָס? דריקנדיק די האנט דעם געקומענעם אין דער בלויער בלוזע, האָב איך מיט פארוווּנדערונג באמערקט, אז זיין האנט איז פּונקט אזא ווייכע ווי מיינע, אָן קיינע סימאָנים פון וועלכע ניט איז מאָזאָלעס. לויטן אָנגענומענעם סיידער האָב איך געבעטן דעם אומבאקאנטן זיצן, נאָר איך האָב בא־

שטימט זײַן פּאָרזיכטיקער: צי איז עס ניט קיין אונטערגעשיקטער פּראָוואָקאַטער.

זיך זעצנדיק באַקוועמער אויפן שטול, האָט דער באַזוכער דערציילט, ענטפערנדיק אויף די פראַגעס, אַז ער הייסט וואַסילי בוראָוו, וווינט דאָ און דאָ, אַרבעט שוין 5 יאָר ווי אַ פּאָשעטער שלאָסער אויף סאָליאַניקאָווס מעכאַנישן זאַוואָד אין דעם שיף־וואַרשטאַט, זײַן נומער איז 456־טער. איך האָב עס אַלץ פאַרשריבן...

— נו, און וואָס באַשטייט אײַער איניען? — האָב איך געפרעגט.

— עס קאָן זײַן, אַז איר ווייסט עס ניט, — האָט אָנגעהייבן בוראָוו, קוקנדיק אויפמערקזאַם אויף מיר, — אַז בײַ אונדז איז זומער געווען אַ שטרײַק (אין יענע צײַטן פלעגן די אַרבעטער שטענדיק זאָגן: „בונט” און קיינמאָל ניט — „שטרײַק”). נאָכדעם האָט די אַדמיניסטראַציע געהייסן, קעדיי מע זאָל אויפן זאַוואָד ניט ברענגען קיין פלוג־בלעטלעך, אַז די וועכטער בײַ די טויערן (די אַרבעטער האָבן זיי גערופן „כאָזשאַלי”), באַקוקנדיק די אַרבעטער בײַם אַרויסגאַנג, זאָלן ניט נאָר באַטאַפּן די קעשענעס, צי עס זײַנען ניטאָ קיין געגאַנווטע זאַכן, נאָר אויב זיי וועלן באַמערקן אַ וואָסערע ניט איז פּאַפּיר, בוך, בריוו, טייקעף צושטעלן זיי צו דער נאַטשאַלסטווע. כּוץ דעם האָט מען אומעטום אויפן זאַוואָד אויסגעקלעפּט מעלדונגען, אַז אין דער לעצטער צײַט זײַנען בײַ אונדז געוואָרן אונטערערדישע סאָציאַליסטן, מיט וועלכע מע דאַרף קעמפן, און דער בעסטער מיטל דערצו — באַקוקן אַלע אַרבעטער און צושטעלן די געפונענע פּאַפּירן צו דער נאַטשאַלסטווע, וועלכע וועט זיי קאָנען פאַנאַנדערקלײַבן. קעדיי אויסמײַדן אומרויִקײַט, האָבן ניט די זיכערע אַרבעטער וואָס צו שלעפּן אויפן פּאַבריק קיין פּאַפּיר. בײַ מיר איז טאַקע פאָרגעקומען מיט צוויי טעג צוריק אַ געוויסער סקאַנדאַל... איך גיי אַרויס און האַלט אין האַנט אַ נומער „ניוואַ” (בוראָוו האָט פּלוצים אויסדריקלעך מיר אונטערגעווונקען און האָט זיך צעלאַכט — פאַרשטיי, הייסט עס, אונדזעריקע)... דער וועכטער צו מיר: „וואָס טראָגסטו?” — „אַ נומער „ניוואַ”, נאַ, גיב אַ טאַפּ, גאָרניטאָ אין פּאַפּיר”. ער האָט געכאַפּט, געוואָלט אַרויסרײַסן, איך האָב ניט געלאָזן און בין אַרויסגעלאָפן פון זאַוואָד... אויף מאָרגן האָט מען מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט („מאָדנע — האָב איך אַ קלער געטאָן — פאַרוואָס איז ער הײַנט אינגאַנצן אויסגעשמירט?”). צי קאָן מען ניט פאַרפאַסן אַ פּראָצעס? — האָט געפרעגט בוראָוו — דערלאַנגען אַ וועלכע ניט איז מאָנונג, אַז מע זאָל קיין פּאַפּיר ניט זוכן און קעדיי אונטערײַסן די אַדמיניסטראַציע מיט איר מעלדונג?...

— הייסט עס, אַז די לעצטע צוויי טעג אַרבעט איר שוין ניט? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

אַלץ איז געווען קלאָר—ער האָט זיך בעקיוון אויסגעשמירט אין סאַושע.

נאָר איך האָב באַשטימט זיך ניט אונטערגעבן און האָב איבערצײַגנדיק דערקלערט בוראָוון, אַז זײַענדיק אַן אַדוואָקאַט, דאַרף ער ניט פאַרפאָלגנדיק קיינע צילן, כּוח געזעצלעכקייט, טראַכט איך ניט אויס און קלער ניט אויסטראַכטן קיין פּראָצעסן. אויב אָבער די מאָנונג איז אַ ריכטיקע און געזעצלעכע, דענסטמאָל דערלאַנג איך זי. ווען בוראָווס איניען אַנטזאַג איך זיך וואָס ניט איז זאָגן, קאָלזמאַן ער וועט מיר ניט ברענגען אַ קאָפּיע פון דער מעלדונג, ווײַל נאָר לויט איר וואָלט איך קאָנען אורטיילן וועגן דער געזעצלעכקייט פון דער מעלדונג גופא און צי שטימט די טעטיקייט פון זאַוואָד מיטן 105־טן אַרטיקל וועגן דער אינדוסטריע... אַזוי האָב איך אים אויסגעלייגט, וואָס פאַר אַ „פּילערישן" פּאָרטראָג ער זאָל מאַכן.

מיר האָט זיך געוואָלט קלאָר מאַכן בוראָווס פּערזענלעכקייט. ווען דער אומבאַקאַנטער איז אַוועק, האָב איך זיך געווענדט צו אַרבעטער פון דעמזעלבן זאַוואָד נאָך אַ ספּראַווקע וועגן אים, אָנגעשריבן אין אַדרעסן־טיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינשום בוראָוו און קיינשום מעלדונגען, וועגן וועלכע ער האָט מיר דערציילט, זײַנען קיינמאָל און אינערגעץ ניט געווען, די אַרבעטער אָבער פלעגט מען דאָ באַזוכן, פּונקט ווי אויף אַלע אַנדערע זאַוואָדן.



די פּאָלטאַווער אומרוען

עס איז געגאַנגען אַ גרויסער פּראָצעס וועגן די פּויערישע אומרוען אין פּאָלטאַווער גובערניע אין 1902־טן יאָר [1], וועגן דעם פּויערישן „שווערן לעבן".

די קליינע אויעזד־שטאָט קאָנסטאַנטינאָגראַד איז שוין פון פריער געווען פול מיט פּאָליציי און מיליטער... פּויערים האָבן געבלאָנקעט איבער די גאַסן אומבאַהאָלפיק־טרויעריקע מאַכנעטווייז, זוכנדיק זייערע פּאַרטיידיקער. די זשאַנדאַרמישע אונטערן זײַנען געגאַנגען נאָך זייער שפּור און האָבן אָן קיינע צערעמאָניעס, איינגאַנצן ניט זשאַנדאַרמעריש, אונטערגעהערט די שמועסן פון „רעוואָליוציאָנערן פּויער".

דוכט זיך, אַלץ איז געטאָן געוואָרן, קעדיי דער „ווישער" זאָל זיגן אין פולן גלאַנץ... און דער איבּיען האָט זיך געהערט בא פאַרמאַכטע טירן...

דאָס קומען פון דער סעסיע פון דער געריכט־פּאַלאַטע אין דערדאָזיקער פּאַרוואָרפענער שטאָט איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. און דער פּאָרזיצער

[1] אין אָרגאַניזירן די פּאַרטיידיקונג אין דעם איביען וועגן די אומרוען האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל דער אײַנוווינער פון פּאָלטאַווע וול. גאַל. קאָראָלענקאָ. זײַענדיק ארויסגעשיקט אין פּאָלטאַווע, האָב איך אויך גענומען אין דעם אַ געוויסן אָנטייל און נאָכדעם פּאַרטיידיקט. אין יענער צײַט, ווי אין וואַלקי (כאַרקאָווער גובערניע) פלעגן די פּאַרטיידיקער אוועקגיין פון געריכט־זיצונג אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די געריכט־פּאַלאַטע פלעגט פאַרשווײַגן וועגן שמײַסן פּויערים, איז אין פּאָלטאַווער גובערנ׳ע זײַנען אַ טייל פּאַרטיידיקער פאַרבליבן, קעדיי ניט געבן קיין מעגלעכקײַט די זשאַנדאַרמען און דעם פּראָקוראָר צו דערגיין די פּערזענלעכקײַט פון די אגיטאַטאָרן, נאָכמער, וואָס דאָ האָט זיך אָנגעהייבן אַ באַוועגונג, און דאָס שמײַסן איז געווען אומבאַדײַטנדיק אין פאַרגלײַך מיט כאַרקאָווער. אזוי האָט מען געטאָן לויט דער אייצע פון וו. ג. קאָראָלענקאָ.

פון דעפּאַרטאַמענט קרעסטיאַנינאָוו, באַצירט מיט צוויי שטערנס, האָט אָנגעוואָרפן אן איימע אף די אָרטיקע בירגער נאָר מיט זײַן אויסזען אַליין...

די שטאַנד־פֿאָרשטייער,—דער שטאָט־גאָלאָווא אין אן אָפּגעבליאַקעוועטן מונדיר און דער וואָלאַסט־סטאַרשינא אין א פאַשעטער גראָב־געשטריקטער סווימקע,—פלעגן בײַס די איבערײַסן און בא יעדער באַקוועמען צופאַל פֿאַרשווינדן פון דעם באַראַטונג־צימער און האָבן זיך פאַרוקט אָדער אין דער קאַנצעליאַריע, אָדער אין פאָדערצימער פון צוזאַמענפאָר.

דער איספּראַווניק האָט זיך געפילט אין פאָדערצימער מער פרײַער, ווי די אַלע ריכטער...

ברייט פאַנאַנדערגעלייגט זיך באַם קאַנצעליאַרישן טיש, האָט ער „געגעסן" טיי, סאָפּענדיק מיט אַפּעטיט און טשמאָקענדיק מיט די ליפּן... און די שטאַנד־פֿאָרשטייער, אָט די „שטים פון געזעלשאַפט", אָט די „פרײַע פֿאָרשטייער פון פֿאָלק־געוויסן", שטייענדיק אויסגעצויגן מיט אויסגעצויגענע פּענעמער, האָבן שטילשווײַגנדיק אויסגעריבן מיט די פלייצעס די שטוקאַטורקע פון דער קאַנצעליאַרישער אויוון...

מאָמענטנווײַז פלעגט זיך באַם איספּראַווניק אין די הענט באַווײַזן דאָס באָטיק־ביכל, און ער פלעגט צושטיין צו אַלעמען, וועמען ער האָט געקאָנט, און פאַנאַנדערפרעגן וועגן „אַלגעמיינעם בילד פון די אומאָרדענונגען" אף א באַריכט דעם גובערנאַטער...

באַשולדיקטע זײַנען געווען אַסאַך—1015 מאַן, און זיי האָט מען פאַנאַנדערגעקלאַפּט אף גרופּעס לויט די צערויבטע מאַיאָנטקעס. דעריבער האָבן זיך איייניקע געמישפּעט איבער צוויי־דרײַ איניאָנים. די באַשולדיקטע האָבן פאַרנומען ניט נאָר די געוויינלעכע באַשולדיקונג־בענק, נאָר אויך אַלע ערטער פון פּובליקום...

דאָסמאָל איז פאַרן געריכט געזעסן א האַמוין באַשולדיקטע—אן עמעסער האַמוין... זיי זײַנען געווען אַזויפיל, אז הינטער די ערשטע רייען זײַנען פֿאַרשווונדן די איבעריקע, און אָנשטאָט מענטשלעכע פּענעמער האָבן זיך געזען זייערע סילועטן, ברעגן פון בגאָדים... דער געריכט האָט ניט אונטערשיידט און האָט ניט געקענט אונטערשיידן קיין באַזונדערע אָנגעקלאָגטע. דעריבער איז פאַר יעדן ריכטער געלעגן צעטלען, בייגעלעך פּאַפּיר אָדער פאָטאָגראַפיעס מיט נעמען. ווען די איידעס פלעגן אָנרופן איינעם פון די אָנגעקלאָגטע, פלעגן עס די ריכטער אָפּמערקן אין זייערע צעטלען. איניאָנים איז געווען אָנגעוואָרפן אַזויפיל, אז רופן דעם אויסגעפרעגטן אָנגעקלאָגטן כאָטש ווײַזן זיך פאַרן געריכט איז ניט געווען קיין פיזישע מעגלעכקײַט. די סעסיע איז געגאַנגען מיט א פאַרשנעלערטן טעמפּ.

און אָפּט, זיצנדיק אינעם זאַל, האָב איך געקלערט: „ווו בין איך עס? צי דען אין זאַל פון געריכט־זיצונג?! ניין, ניין, איך בין פונקט ווי אין עפּעס אַ ביבליאָטעק. פאַר מיר איז אַ רײ פּאָליצעס מיט ביכער. עס זײַנען קאַנטיק די רוקנס, די נעמען... אויף די נאָענטע קאָן מען איבערלייענען זעם נאָמען, דעם נאָמען פון אַוטאָר, יאָר פון דערשײַנען... נאָר דאָס איז נאָר אין די נאָענטע רייען ביכער! און דאָרטן — העכער, ווײַטער קאָן מען שוין דאָס אויך ניט טאָן.

קעדיי צו געפינען אַ בוך, כאָטש דערלאַנגען אים, דאַרף מען נישטערן אין קאַטאַלאָג, אין די פּאַפּיר־בייגנס, איבער די קאַרטלעך...

טאָ וואָס ווילסטו דענסטמאָל געפינען? דעם בוך אַליין? זײַן אינהאַלט? ניין, נאָר זײַן רוקן, נאָר זײַן שאַרבלאַט! ווײַל, קעדיי צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון בוך, איבערלייענען אים, דאַרף מען דעם בוך דורכלייענען פון אָנהייב ביזן סוף. און נאָר דעמאָלט קען מען דערפילן, מיט וואָס פאַר אַ בלוט עס זײַנען אָנגעשריבן זײַנע זײַטלעך. און דאָס איז צוליב דעם, קעדיי פאַרשטיין נאָר דעם בוך!...

אָבער דאָ זײַנען געזעסן מענטשן. אַסאַך אַלטע, שוואַכע מענטשן. אָרעמקייט, האָרעפּאַשניקעס, כאָטש „ערדאַרבעטער“... אָבער דער געריכט האָט זיי ניט געזען, ריכטיקער, ער האָט געזען פאַר זיך נאָר זייערע נעמען, ער האָט געזען די רוקנס פון די מענטשן, נאָר ניט זיי אַליין, ניט זייער ביטער דורכגעלעבטן לעבן, ניט זייער גײַסטיקן צושטאַנד...

אין זיצונג־זאַל איז פון פּובליקום קיינער ניט געווען. עס האָט זיך געזען דער געהילף פון אָבער־פּראָקוראָר פון סענאַט קאָוואַלענסקי [1], וואָס איז געקומען אויפן געריכט מיסטאָמע אויף אָפּגעבן אַ באַריכט דעם מיניסטער. ער איז געזעסן בײַ אַ באַזונדער טישל מיט אַ דיקער העפט און אַ בערגל אָנגעשניצטע בלײַשטיפטן. אין הויכן שטול האָט געזונקען אַ גאַלעך. לעבן אים איז געזעסן אַ זשאַנדאַרמערישער אָפיצער. און אַלץ... נאָר עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו זאָגן, אַז כאָטש אָט די איינציקע, וואָס זײַנען בײַגעווען אין געריכט־זאַל, האָט זיך אין געריכט־זאַל געפונען נאָך אַ צווייטער מין פּובליקום, און דערבײַ אין אַ גרויסער צאָל. שרעקט זיך ניט! דער ערשטער פּאָדערצימער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן און זשאַנדאַרמען...

דאָס שרעקלעך־אָרעמע לעבן פון די פּויערים האָט זיך געגנוי אָפּגעצייכנט אויפן געריכט, ניט געקוקט אויפן פּאָרזיצערס אַלע שטרעבונגען עס צו פאַרשוויַיגן.

---

1) דער קומענדיקער דירעקטער פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

אין דער צײַט פון באַפרײַען די פּויערים פון לײַב־אײגנטום האָבן די פּויערים, האָפנדיק, אַז שנעל וועט אָנקומען דער „שוואַרצער איבערפּאַרטײל", זיך אָפּגעזאָגט פון די ערד־כאַלאָקים, וועלכע מע האָט זײ פאַרגעלײגט אויס־קויפן און נאָכדעם זײַנען זײ אַרײַנגעפאַלן אין קנעכטש אַפּט צו די אַרטיקע ערד־באַזיצער: די גרעסטע ערד־שטאָכים זײַנען געבליבן אין די הענט פון באַזונדערע פּריצים. עס זײַנען פאַרבליבן מאַיאָנטקעס מיט אַפּולע טויזנטער דעסיאַטין. באַזונדערס רײַך איז געווען דער מאַיאָנטעק פון גרויסן פירשט דמיטרי פּאַוולאָוויטש אין קאַרלאָווקע. צום אָנהויב פלעגן די באַלעבאַטים־פּריצים דינגען די פּויערים אַלס באַטראַקעס, נאָר נאָכדעם האָבן זײ אײַנגע־פירט נײַע באַדינגונגען פון דינגען. פאַר דאָס רעכט אופאַקערן פאַר זיך אײן דעסיאַטין האָבן זײ געפאָדערט באַאַרבעטן דרײַ דעסיאַטין פאַרן פּאָרעץ. עס זײַנען אויך געווען אַזעלכע באַדינגונגען, ווו פאַרן רעכט אָפּקאָסיען פאַר זיך אײן דעסיאַטין לאָנקע האָט זיך דער פּויער פאַרפליכטעט באַאַרבעטן 25 דעסיאַ־טין אַקער־ערד! און דערבײַ זײַנען די פּויערים געווען מעכויעוו קומען אַף דער אַרבעט לויטן ערשטן רוף פון פּאָרעץ... אויב זײ זײַנען ניט געקומען, האָבן זײ געצאָלט שטראָף, אָדער מע האָט בא זײ אָפּגענומען ביכלאַל די רעכט אַף זײער אײגענעם פאַרזײ. זײ האָבן ניט געהאַט קײן האָזע זיך צורירן צו דער אַרענדירטער ערד, ניט אויספילנדיק אַלע אַרבעטן אַפּן באַלעבאָס. מע האָט אַפילע ניט געטאָרט אָפּפאָרן פון ווינאָרט אַף אַרבעט אָן דער דער־לויבעניש אַלץ פון דעמזעלבן פּאָרעץ, פּונקט ווי די פּויערים זײַנען געווען אונטערן אופזיכט און די פּריצישע נאַכלעס—אָכראַנקעס... און דער פּאָרעץ האָט זיך ניט געײַלט מיטן אַראָפּנעמען די טווע, געוואַרט, ווען דער זאַנג וועט פולקאָם צײַטיק ווערן, און די קערנער וועלן אָנהײבן זיך אויסשיטן. דענסטמאָל האָט ער געצווונגען שנײַדן! די פּויערים האָבן שוין ניט געקאָנט קאָסען די טווע. זײ איז אויסגעקומען צו שנײַדן מיטן סערפּ. זײַטיקע אַר־בעטן, פאַרדינסטן אײַנדערפרעמד זײַנען פאַרשוונדן געוואָרן.

און אַלס צוגאָב צו אָט דעם אַלעם איז קײן איבערוואַנדערונג ניט דער־לאָזן געוואָרן. דורכן זעמסקן נאַטשאַלניק זײַנען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן בעהײמע צירקולײַרן מיט א באַפעל אָנעמען מעלדונגען וועגן איבערוואַנדע־רונג, נאָר ניט געבן זײ קײן גאַנג. צוזאַמען מיט דעם האָט אין אײניקע אויעזדן פון דער גובערניע פּאַסירט אָן אומגערעטעניש. די טריקעניש האָט אויסגעטריקנט די גאַנצע ברויט.

און דענסטמאָל האָבן זיך געטראָפן יענע פּויערישע „אומאָרדענונגען", וועלכע האָבן טאַקע פאַרכאַפּט עטלעכע אויעזדן...

די באַוועגונג איז געוואָקסן בעהאַדראָגעדיק.

צום אָנהייב האָבן פּויערים פּאַרטיזאַנישט, אויסגעלאָזט זיך אין קלענסטע גרופּעס, אָדער האַמוינגעשטאַנען. אין נאָגעגט האָבן זיי אָנגעהויבן קומען אין די פּריצישע הויפן און בעטן געבן אַף באָרג עפּעס אָפּעסן. לעסאָף האָבן זיי גענומען פאָדערן ברויט, ווייל זיי שטאַרבן פון הונגער. אסאך פּריצים האָבן אָפּגעזאָגט, אנדערע אפילו „פּרינציפּיעל". אין דערזעלבער צייט האָבן ארום אויפגעפלאַקערט אין שייטערס הורבעס ברויט, שטרוי. יעדער נאכט איז דער גאנצער האָריזאָנט געווען ארומגעכאַפּט מיט אויפלאַקערנדיקע סדייפעס. עס האָבן שוין געברענט אויך די פּריצישע הייזער.

צווישן די פּויערים האָבן זיך אין א ברייטער כוואַליע פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז אף דריי יאָר זיינען אָפּגעשאַפט אלע גערייכטן, אז איצט ווערט קומען א צייט, ווען עס וועלן מער ניט זיין קיין פּריצים, ניט קיין פּויערים, עס וועלן זיין נאָר מענטשן, און אלע וועלן זיין גלייך.

די ידיעות וועגן דעם, אז די פּויערים בונטעווען, זיינען דערגאַנגען צום גובערנאַטער. ער האָט ארויסגערופן צו זיך דעם איספּראַווניק, האָט אים דערקלערט און באַפוילן אָנעמען אלע מיטלען אף באַרויקן.

אין דער צייט איז פּונקט פאָרגעקומען אין דאָרף דרעמייַלאָווקע [1] א יאַריד. דער האַמוין האָט זיך אומעטום געזאַמלט גרופּנווייז, און פּונקט ווי א עלעקטריזירטער האָט ער געהערט יעדערן, ווער עס האָט געהאַט די דרייסטקייט וואָס ניט איז צו ריידן.

דער איספּראַווניק, וואָס איז צוגעפאָרן צום יאַריד, האָט אויפגערופן א פאַרזאַמלונג צום הויף פון קלויסטער און האָט גענומען איינריידן די אויפגעזאַמלטע פּויערים אויפהערן צו בונטעווען.

— באַקלערט זיך! — האָט ער צו זיי גערעדט, — וואָס ווילט איר, וואָס לערנען אייך די אַגיטאַטאָרן? אויב עס וועט מער ניט זיין קיין פּריצים, טאָ ווער־זשע וועט אייך געבן אַרבעט? און אויב עס וועט שוין מער ניט זיין קיין פּויערים, טאָ ווער וועט אַרבעטן אף די פּריצים? דענסטמאָל וועט איך און זיי אויסקומען שטאַרבן פון הונגער! גייט בעסער אין קלויסטער און בעט גאָט, אז אלץ זאָל בלייבן ווי געווען, לייטיש!

און דער האַמוין איז אוועק אין קלויסטער און האָט געדאַווענט מיט ברען.

און דער באַרויקטער איספּראַווניק איז אוועקגעפלויגן אין דער גובערניאַלער שטאָט מיט א ראַפּאָרט וועגן דעם, אז אלץ איז רעגולירט, אז די באַפעלקערונג האָט זיך באַרויקט. און דער האַמוין, וואָס דער איספּראַווניק אליין

---

[1] דעם פּינקטלעכן נאָמען האָב איך פאַרגעסן.

האָט אים אופגעקליבן, איז ווי נאָר ארויס פון קלויסטער, באלד אוועק ראַבע־רען די שכיינעסדיקע פריצישע הויפן.

ווען איך האָב געפרעגט בא די פויערים:

— ווי אזוי האָט עס געקאָנט פאסירן, איר זײַט דאָך גאָר געווען אין קלויסטער, געבעטן גאָט, אז אלץ זאָל זײַן ווי געווען?

מיר האָט געענטפערט איינער פאר אלעמען.

— יאָ, פארשטייט זיך גערדאוונט! אז דו ביסט געקומען אין קלויסטער, דארף מען דאווענען, אף דעם איז עס א קלויסטער, און ווען מען איז ארויס פון קלויסטער, דארף מען דאָך עסן. אָט זײַנען מיר טאקע אוועק קריגן ברויט!

דער רײַכער פּאָרעץ בעמע האָט אין קרײַז געהאט א שעם פאר א באלע־גוף. ער האָט ניט געצאָלט קיין געהאלט זײַן וועכטער מיכײַלע, און דעם וועכטערס מישפּאָכע האָט טאקע דעריבער געהונגערט. מיכײַלע איז געקומען צו בעמען בעטן כאָטש מעל אפן כעשבן פון געהאלט. בעמע האָט קאטעגאָ־ריש אָפּגעזאָגט. מיכײַלע איז צוגעשטאנען. דער פּאָרעץ האָט אים דורכגעטריבן דעמאלט איז מיכײַלע אוועק צום דאָרפישן סטארעסטע, אז יענער זאָל פּאָדערן דעם געהאלט. דער סטארעסטע איז געווען אפן יאריד אין דרעמײַלאָווקע, און מיכײַלע האָט אים אופגעזוכט, און דאָ אפן אָרט אין דער אָנוועזנהײַט פון מענטשן האָט ער זיך באקלאָגט, אז דער פּאָרעץ וויל ניט צאָלן. ער האָט געבעטן דעם סטארעכטע צוגיין אין הויף, נעמענדיק מיט זיך צוויי־דרײַ איידעס אזוי האָט מען טאקע געטאָן.

דעמדאָזיקן שמועס האָט געהערט אויך דער האמוין, וואָס איז ארויס פון קלויסטער, און, ניט ווינסדיק וווהין איצט זיך אהינצוטאָן, האָט ער זיך גע־לאָזן א קוק טאָן נאָכן סטארעסטע און נאָך די איידעס אין דעם שכיינעסדיקן דאָרף, צו בעמעס הײַזער.

מיכײַלע און דער סטארעסטע זײַנען צוגעגאנגען צום פענצטער פון בעמעס קאבינעט און האָבן אָנגעקלאפּט מיטן בײַטש. ווען אין פענצטער האָט זיך באַ־וויזן דעם באלעבאָס קאָפּ, האָבן זיי אראָפּגענומען די היטלען, און פארנויגנדיק זיך נידעריק, האָבן זיי געבעטן באצאָלן מיכײַלען די געלט אָדער געבן ברויט אפן כעשבן פונעם געהאלט, וואָס אים קומט.

בעמע האָט גראָב אָפּגעזאָגט און האָט פארהאקט די פענצטער.

דעמאלט זײַנען זיי צוגעגאנגען צום טיר פון הינטערשטן ארײַנגאנג, קעדײַ נאָכאמאָל אליין בעטן, אָבער אלע טירן זײַנען געווען געשלאָסן. אין דער צײַט האָט דער האמוין, וואָס איז געקומען מיט זיי, געזאָגט:

— נו, מיר וועלן עפענען די טירן, אויב דער פּאָרעץ האָט זיך פאר־שלאָסן, און איר גייט פונדעסטוועגן און בעט געהאלט.

געקראָגן אין שטאַל עטלעכע לייצעס, האָט דער האַמוין זיי צוגעבונדן צי דער טיר, האָט זיך איַינגעקלאַמערט אין זיי, מיט טומל און ראַעש אַראָפּגע־ריסן די טיר פון די זאַוויעסעס. אַראָפּגענומען די היטלען, שטיל און געלאַסן באַגריסנדיק זיך, זיַינען אַריַין אין פּריצישן הויז מיכיַילע און דער סטאַרעסטע, און דורך דער פאַרמאַכטער טיר פון קאַבינעט האָבן זיי גענומען בעטן באַצאָלן דעם געהאַלט.

דעם פּאָרעצס שטים האָט זיך ניט געהערט. ער האָט געשוויגן. נאָר זיי האָבן ווידער געבעטן.

פּלוצים האָבן זיך דערהערט געשרייען פון הויף:

— אָי, קוקט, קוקט, אָט ווו עס איז דער פּאָרעץ, דורכן סאָד לויפט ער אַהין, אין פעלד!

דער סטאַרעסטע, מיכיַילע און די איידעס זיַינען אַרויס פון שטוב, און באַמערקנדיק, אַז טאַקע בעעמעס אין עק סאָד זעען זיך דער פּאָרעץ מיט דער עקאָנאָמקע, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אָניאָגן זיי. יענע זיַינען שוין געווען אין פעלד, ווען דער האַמוין האָט זיי אָנגעיאָגט. פאָרויס פאַרן האַמוין איז געלאָפן מיכיַילע, דער סטאַרעסטע און די איידעס. דעריאָגט דעם פּאָרעץ, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, האָבן ווידער אַראָפּגענומען די היטלען, און מיט אונ־טערטעניקע פּענעמער זיַינען זיי צוגעגאַנגען צו בעמען און האָבן נאָכאַמאָל גע־בעטן אָפּגעבן די געלט.

— ניין,—האָט געענטפערט בעמע,—איר האָט זיך שוין איצט מער ניט נאָך וואָס צו ווענדן צו מיר: מער בין איך דאָ ניט קיין באַלעבאָס,—און האָט זיך אַ דריי געגעבן גיין וויַיטער.

אין דער ציַיט האָבן זיך געלאָזן הערן קוילעס פון האַמוין.

— אַזוי! הייסט עס, מענטשן זאָגן דעם עמעס, אַז איצט איז געוואָרן אַ ציַיט, ווען עס איז שוין מער ניטאָ קיין פּריצים, ניט קיין פּויערים, נאָר אַלע זיַינען גליַיך! דער באַלעבאָס אַליין זאָגט, אַז מיר זיַינען דאָ באַלעבאַטים! דערלאַנגט אין הויף!

דער האַמוין האָט זיך אומגעקערט און אַוועקגעלאָפן צוריק אין הויף. דאָ האָט זיך געפונען אַ שיַיער מיט ברויט, אַ פאַרשלאָסענער מיט ניט קיין גרויסן שלעסל. אָט דער שלעסל האָט צעטומלט די פּויערים. צווישן זיי איז אַנטשטאַ־נען אַ הייסער יורידישער סיכסעך: וואָס אייגנטלעך איז איצט דערלויבט? פאַר וועלכע איניאָנים וועט ניט זיַין קיין געריכט? אייניקע האָבן געזאָגט, אַז אין אַ גייט מעג מען צעברעכן אַ שלעסל, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ברעכן אַ שלעסל וועט מען קיינמאָל ניט דערלויבן. נאָר מע דאַרף, ניט ברעכנדיק דאָס שלעסל, פאַנאַנדערנעמען דעם דאַך, דורכשלאָגן זיך אין שיַיער, אָפּקייטלען די צווייטע טיר און דערנאָכדעם אַרויסטראָגן די ברויט. און אַלץ וועט זיַין לויטן געזעץ!

אזוי האָט מען טאקע געטאָן. מע האָט פאנאנדערגענומען דעם דאך, עס־לעבע מענטשן זײַנען ארײַנגעקראָכן אינעווייניק, מע האָט געעפנט די טירן, דער גאנצער ברויט איז ארויסגעטראָגן געוואָרן, און שפעטער אויך ארויסגע־פירט געוואָרן פון הויף. עס זײַנען געקומען די אָרטיקע פויערים, האָבן דערזען, אז די דרעמײַלאָוועס האָבן געבאלעבאטעוועט אין א פרעמדן דאָרף, ווי אין אן אייגענעם, און האָבן גענומען ריידן.

— וואָס האָט איר עפּעס אונדזער גוטס גענומען? אויב אזוי, וועלן מיר גיין אין אײַער דאָרף, צו אײַערע פריצים!

גערעדט און געטאָן. זיי האָבן זיך געלאָזן אין די שכיינעסדיקע מאיאָנ־טקעס פון די דרעמײַלאָווער פריצים... פונדאנען האָבן זיך איבערן גאנצן אויעזד גענומען פארשפרייטן ראבירונגען פון מאיאָנטקעס.

— הערט, אײַך באשולדיקט מען אין דעם, אז איר זײַט געווען דער הויפּט־אגיטאטער צווישן די פויערים,—האָב איך געזאָגט סידאָראָוון, ביים איך בין געקומען אף א זעונג אין טפיסע,—אז איר האָט געלייענט אין דרעמײַ־לאָווקע ליטעראטור די פויערים און זיי דערקלערט. די באשולדיקונג קעגן אײַך איז די סאמע שווערסטע. אונטער דער ווירקונג פון אײַער טעטיקײַט האָט דער האמוין צעראבירט בעמעס הויף. מע דארף וואָס ניט איז פאָרנעמען. צי זײַנען פאראן בא אײַך איידעס? בעסער, אויב פון די פריצים, אז איר זײַט א מענטש א האָרעפּאשנער, אז איר האָט אסאך יאָרן געדינט אף א וועלכן ניט איז אָרט—פונדעסטוועגן וועט זיך דער געריכט צו אײַך באציִען ווייכער

— ווי דען, איך האָב איידעס וויפל נאָר מע דארף, צוויי פריצים זײַנען פאר מיר... באקאנטע פון מײַנע סטודענטן...

— נו, זייער גוט.

איך האָב זיך געזעצט און האָב אָנגעשריבן א מעלדונג וועגן ארויסרופן די איידעס.

— שרײַבט אונטער, זײַט אזוי גוט.

— איך קאָן ניט,—האָט ער געזאָגט.

— וואָס?!

— איך קאָן ניט שרײַבן.

— איר קאָנט ניט שרײַבן? נו, דענסטמאָל כאָטש מיט געדרוקטע אויסעס קאָנט איר זיך אונטערשרײַבן?

— ניין!

— דאָס הייסט, ווי אזוי „ניין“?! איר קענט דאָך געדרוקטע אויסעס?!

— ניין, איך קאָן ניט שרײַבן און ניט לייענען!

איך בין געווען פארוואונדערט.

— דערלויבט, ווען איַיך זאָגן דאָך די הויפּט־אײדעס,—די עקאָנאָמקע און בעמע,—אַז איר זײַט געװען אַ הײסער פּראָפּאַגאַנדיסט, אַז איר האָט געלײענט די פּויערים ביכלעך, אויפֿגערופֿן און האָט אַלץ דערקלערט...

ער האָט זיך ביטער געקווענקלט.

— פֿאַרשטײט איר מיך... איך װעל אײַך דערצײלן, װאָס דאָ טוט זיך. איך פֿלעג גײן צו די פּריצים אַלעקסענקאָ און גובאַרעװו אינעם שכײנעסדיקן דאָרף. זײער אָפֿט פֿלעגן זײ אָנרײדן אַלץ, װאָס מע דאַרף. אינטערעסאַנט אַזױ... אַלע מענטשן װעלן זײַן ברידער, און אַלץ װעט זײַן גוט, און די ערד איז אונדזערע... מיר איז דאָס געװען געשמאַק הערן. און געװאָלט האָט זיך עס אַלײן זאָגן מענטשן. נאָר כ׳װײס—כ׳קום און הײב אָן דערצײלן, קײנער װעט מיר ניט גלױבן. „סט׳אַלײן אױסגעקלערט“, ענטפֿערט מען, מע לאַכט. אָט דערקלײַב איך זיך אַ הײם, װעל איך נעמען אַ ביכל—אַזױ צי אָט אַזױ—אַלצײנס, כאָטש מיט די אױסיעס אַרױף, כאָטש מיט די אױסיעס אַראָפּ, און פּונקט פֿון ביכל לײען איך אַלץ... איך רײד, רײד און זײ אַלע הערן און גלױבן. אָן אַ ביכל װאָלטן זײ ניט געגלױבט...

— הערט,—האָב איך אים איבערגעריסן,—דאָס אַלץ איז אַזױ, נאָר צי האָט איר אײדעס, אַז איר זײַט בעעמעס אַ ניטגראַמעטנער? מיר װעלן דעמלט דערװײַזן דעם געריכט, אַז איר זײַט אַ ניטגראַמעטנער, און די שטראָף װעט מען פֿאַרגרינגערן... צי איז אײַך ניט אױסגעקומען בעטן שרײַבן בריװ אָדער בעטן לײענען בריװ פֿאַר אײַך?...

— װי דען? אָט דיזעלבע עקאָנאָמקע, װאָס װײַזט אָן אױף מיר, האָט טאַקע געשריבן מײַנע בריװ! און װען דער ברודער דער סאָלדאַט פֿלעגט ענטפֿערן, האָט זי טאַקע געלײענט. איך האָב זעקס יאָר געדינט בא בעמען. זי װײס זײער גוט, אַז איך בין ניט קײן גראַמעטנער.

— אױסגעצײכנט! מיר װעלן זי טאַקע װעגן דעם פֿרעגן!

אױפֿן געריכט האָט די עקאָנאָמקע געגעבן גענױע באַװײַזן, אַז סידאָראָװ איז געװען דער הױפּט־אַגיטאַטער אין דאָרף, האָט פֿאַרשפּרײט פֿלוג־בלעטלעך, האָט זײ געלײענט און דערקלערט.

איך האָב בא איר געפֿרעגט, װי איך װאָלט קלױמערשט געצװײפֿלט, צי קאָן זי ביכלאַל סידאָראָװן.

— צי קאָנט איר דעם באַשולדיקטן?!

— װי אַזױ זאָל איך ניט קאָנען, איך קאָן אים אײסגעצײכנט, אָט זיצט ער,—האָט זי אָנגעװיזן.

— פֿאַרװאָס קאָנט איר אים אַזױ גוט?

— ער האָט דאָך זעקס יאָר געדינט אין עקאָנאָמיע...

— און זײַן ברודער קאָנט איר?

— ווי זאָל איך אים ניט קענען? זיין ברודער איז אין פּעטערבורג, אין סאָלדאַטן...

— זאָגט, דעם ברודער האָט ער בריוו געשיקט?

— געשיקט, איך האָב זיי אים דאָך געשריבן.

— נו, און אז עס פלעגן אָנקומען בריוו פון ברודער, צי האָט ער זיי אליין געלייענט אָדער איר?

— פאַרשטייט זיך, אז איך האָב שטענדיק געלייענט!

— פאַרוואָס עפּעס איר? פאַרוואָס ניט ער אליין?

— ער איז דאָך אינגאנצן א ניטגראַמעטנער: קאָן ניט שרייבן, ניט לייענען! אינגאַנצן קאָן גאָרניט!...

זי האָט נאָך ניט באַוויזן דאָס צו דעריידן, ווי דער פּאָרוציצער קרעסטיאַניקאָוו האָט א שפּרונג געטאָן פון אָרט, האָט פאַרצווייפלט א קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש און אויסער זיך א געשריי געטאָן:

— איידעס, איידעס! באַטראַכט זיך! דער הויפּט־אַגיטאַטער, הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסט, געלייענט ביכער, האָט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור — און א ניטגראַמעטנער! גייט אוועק! אזעלכע איידעס דאַרפן מיר ניט. פירט זי אַרויס!

און די עקאָנאָמקע האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי די געריכט־פּריסטאַווס האָבן זי געכאַפּט אונטער די הענט און אַרויסגעפירט פון געריכט־זאַל.

סידאָראָוו איז באַפרייט געוואָרן.

ביסן איבעררייס האָט קאָוואַלענסקי הויך גערעדט, זיך ווענדנדיק צו אונדז, פאַרטיידיקער, צום פּאָרעץ און צום זשאַנדאַרמישן אָפיצער.

— איך פאַרשטיי ניט, צו וואָס האָט מען די פויערים געשמיסן? דאָס איז דאָך ניט־קולטורעל. ווו באַגייט מען זיך אזוי אָף מיירעוו?! כ׳פאַרשטיי ניט! ווען מע וואָלט מיך אהער געשיקט אלס גובערנאַטער איינשטילן, גלויבט איר, איר וואָלט זיך אַנדערש באַגאַנגען. איך וואָלט קיינמאָל קיינעם ניט געשמיסן. איך וואָלט געקומען אין דאָרף מיט קאַזאַקן און דעם ערשטן בעסטן פויער וואָלט איך אויפגעהאַנגען טאַקע אויפן ערשטן בוים, א צענדליק אַנדערע וואָלט איך דערשאָסן! און גלויבט מיר, קיינשום צאָרעס, קיינשום געריכט וואָלט ניט געווען און קיינע אומאָרדענונגען וואָלטן זיך מער ניט איבערגעכאַזערט...

דער אָפיצער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אונדז, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט אין זיין ריי אָנגעהייבן דערציילן.

— שטעלט אייך פאָר, ס׳אַרא פאַרדראָסיקע געשיכטע. איך בין מיט אַן אָטריאַד קאַזאַקן געפאָרן איינשטילן דידאָזיקע בונטאָווטשיקעס. עס איז געווען א פינצטערע נאַכט. מיר האָבן זיך געיילט אין צעראַבירטן הויף. דעם וועג האָבן מיר ניט געוווסט. פאַרבלאָנדזשעט. פּלוצים איז פון דער פינצטערניש, ווי פון דער ערד, אַרויסגעשוומען עפּעס א פויער. מיר האָבן זיך גע־

לאָזן צו אים! „עי, שטיי, כעווריעמאַן;״—ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.—„וויאַזוי זאָלן מיר פאָרן אין דאָרף יוסנעוווקע?״—„אַף וואָס דאַרפט איר?—האָט ער געפרעגט.—„אַף דעם, קעדיי איינשטילן די פויערים, האָט געענטפערט איינער א קאַזאַק א יאָלד.— „איינשטילן?״ — האָט ער א געשריי געטאָן און איז ווי אונטער דער ערד פאַרפאַלן געוואָרן...—„זוכט אין פעלד דעם ווינט, אַז ער זאָל אייך דערפירן״,—האָט זיך דערהערט פון ערגעץ ווי פונדערווייטנס זיין קאָל.

מיר האָבן זיך געוואָרפן זוכן. א נאַכט איז געווען א שלעכטע, א פינצטערע, כאָטש שטעך זיך אויס די אויגן! דעם שאָכן האָט מען ניט געזען! אַפּן וואָקזאַל האָב איך געקויפט א „נאָוואָיע ווריעמיא״. איר ווייסט, די ציי‍טונגען האָט מען צעכאַפּט. כ׳האָב געגעבן 15 קאָפּיקעס פאַרן נומער. געקלערט אין האָטעל דורכלייענען... עס איז ניט אויסגעקומען. אַלע שוועבעלעך אויסגעברענט, די קעסטלעך... מיין ציי‍טונג האָב איך אויך ניט געזשאַלעוועט. מע האָט אים פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט געפינען! לעסאָף איז מען אַראָפּגעקראָכן פון די פערד און מע האָט גענומען טאַפּן איבער דער ערד. מע האָט זיך אָנגעשטויסן אַף א גרוב, און דאָרטן האָט מען אים, דעם באַנדיט, געפונען. ער האָט זיך פאַרגראָבן. מיט ערד אַרומגעשאָטן. ווען מיר וואָלטן ניט געווען אַזויפל, וואָלטן מיר אים קיינמאָל ניט געפונען... מע האָט אים אַרויסגעשלעפּט, אַוועקגעשטעלט צווישן צוויי פערד און גענומען אָנלערנען מיט נאַהייקעס. און וואָס קלערט איר? ווי מע האָט אים ניט געשלאָגן דעם אָקס, וואָס מיר האָבן מיט אים ניט געטאָן, האָט ער אַלץ געשריען זיינס: „זוכט אין פעלד דעם ווינט!״ ביז ער איז פון די פיס אומגעפאַלן... אַנטשוויגן געוואָרן... האָבן מיר אים געוואָרפן און אַליין האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג... און ביז איצט וואַלגערט ער זיך עפּשער דאָרטן. וואָסער שמייסן קאָן שוין העלפן?!

און דער אָפיצער האָט געקוקט פייערלעך אַף קאָוואַלענסקין...

דער פּאָרעץ שניידעמאַן, דער הויפּט־פאַרוואַלטער פונעם גרויספירשטס רייכסטן מאַיאָנטעק, האָט זיך אויך געטיילט מיט זיינע „טיפע״ געדאַנקען...

— יאָ, איר ווייסט, אַלץ האָט זיך דאָ בא אייך געביטן. די פויערים זיינען געוואָרן ניט צו דערקענען. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין כויוו פון צייט צו צייט לייענען לעקציעס פאַר די פויערים ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט ערד. פריִער פלעגט אַזוי זיין: דו לייענסט זיי, און זיי שטייען און הערן, אַלע הערן, קיינער רעדט גאָרניט.

און דאָ האָב איך גענומען לייענען א לעקציע וועגן קאַרטאָפל, ווי דאַרף מען אים באַמיסטיקן, און טייקעף האָבן מיר איבערגעריסן שטימעס: „וואָס דאַרף מען אונדז רייכן, ווי אַזוי באַמיסטיקן קאַרטאָפל, מיר ווילן זיך עס אַליין דערוויסן! איר זאָגט אונדז בעסער, ווי אַזוי קריגן ערד, ווו מע זאָל זעצן

קאַרטאָפֿל?!״ און זיי שרייַען מיט אזא כוצפּע, אז איך האָב געוואָרפֿן לייענען די לעקציעס...

אָט, מייַנע הערן, וואָסערע פּויערים בא אונדז זייַנען דאָ איצט געוואָרן, ס׳איז מיט זיי נאָר הארצווייטיק, נאָר צאָרעס!...

— איך וואָלט וועלן ריידן מיט אָט דידאָזיקע פּויערים,—האָב איך זיך געווענדעט צום טפּיסע־נאַטשאַלניק פון טפּיסע,—אַלע זייַנען זיי צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט און אַלס פּאָליטישע...

— צום באַדויערן, איז ניטאָ בא אונדז קיין פרייַע קאַמער,—האָט ער געענטפערט.—עפשער וועט איר מאַסקים זייַן דורכריידן זיך מיט זיי אין קאַנצעליאַריע?

— ניין, איך וואָלט געבעטן געבן א זעונג אויג אף אויג...

— אויב איר פאַרלאַנגט, קאָן איך פאָרלייגן די געבייַדע פון אונדזערע אופזעערס. אומעטום גייט א רעמאָנט..

און ער האָט מיך אוועקגעפירט אין צימער פון די אופזעערס. ווען מיר זייַנען אהין אַרייַן, זייַנען בא די אופזעערס, קענטיק, געווען געסט, וואָס עס איז, קענטיק, ניט געווען דערלויבט לויט די טפּיסע־קלאָלים. די געסט און די אופזעערס זייַנען אופגעשפרונגען. עס איז פאָרגעקומען א געוויסע צערודערונג. דער נאַטשאַלניק און איך האָבן זיך באַמיט זיי צו באַרויִקן. דער צימער איז „באַפרייַט געוואָרן״. איך האָב געוואַרט ביז מע וועט צו מיר ברענגען די אָנגעקלאָגטע. די טירן האָבן זיך געעפנט, עס זייַנען אַרייַן פיר אָנשטענדיק געקליידעטע און לויט דער לעצטער מאָדע אונטערגעשאָרע הערן. זיי אַלע זייַנען געווען אין שוואַרצע קורטקעס מיט אינטעליגענטישע פּנעמער... די ערשטע מינוט האָב איך געקלערט, אז פאַר מיר זייַנען די געסט פון די אופזעער.

— ווער זייַט איר דאָס?—האָב איך געפרעגט.

— מיר זייַנען דאָך פּאָליטישע, פּויערים,—האָט אונטערטעניק אויסגערופן איינער פון זיי...

— ווי פּאָליטישע?! איר זייַט פּויערים?!

— יאָ,—האָבן זיי געענטפערט.

— וואָס זייַט איר פאַר א פּויערים? א קוק טאָן אף אייַך, די קליידער און די האָר זייַנען פאַרקעמט ניט ווי בא פּויערים!

— דאָס איז דאָך,—האָבן זיי זיך צעלאַכט,—דאָס זייַנען קאַזיאָנע קליידער. דאָ, אין טפּיסע, זייַנען אָנגעניית ספּעציעלע קאַזיאָנע קליידער פאַר די פּאָליטישע, נאָר זיי זיצן שטענדיק אין זייערע. „איר זייַט פּאָליטישע, איר ווילט קאַזיאָנע קליידונג?״ האָט אונדז געפרעגט דער אופזעער. מיר האָבן געזאָגט: „מיר ווילן״. האָט מען אונדז טאַקע אַרויסגעגעבן. אָט דעריבער זייַנען מיר טאַקע אין פרישע קליידער...

— אָבער בא אײַך איז דאָך גאָר א פּריצישער אױסזען. נו, אָט כאָטש בא אײַך... איר גיט א קוק אף זיך אין שפּיגל: בא אײַך איז אײנמיטן קאָפּ אזא טײל, א גאנצער שליאך צום פּאָרן. אן עמעסער אמעריקאנער! און איר, — האָב איך זיך געװענדעט צו א צװײטן, װעלכער האָט געשײַנט מיט א שאַרפן שפּיצאטע בערדל און א גלײַכן טײל אפן זײַט קאָפּ: — מע קאָן אײַך דאָך אָננעמען פארן דירעקטער פון דעפּאַרטאמענט! צי דען זײַט איר א פּויער?! װאָס באטײַט אָט דאָס אלץ? — דער דריטער איז געװען מיט א באָרד, זײער עלעגאנט אונטערגעשאָדן, מיט פּרעכטיקע באקנבארדן...

— אזױ איז עס! — האָט אױסגעשריִען דער „דירעקטער פון דעפּאַרטאמענט“. — אָט דאָס האָב איך דאָך גערעדט! מע האָט דאָ אװעקגעזעצט צו אונדז אײנעם א שערער, א פראנצױז. פאר א גנײװע איז ער אַרײַנגעפאלן. אים איז אומעטיק, ניטאָ װאָס צו טאָן, זאָגט ער טאקע אונדז: „נו, יאטן, איר האָט געװאָלט װערן פּריצים, איז גוט, װעל איך אײַך מאכן פּאר פּריצים! טײקעף װעל איך מאכן“, ער האָט געקראָגן באם אופזעער שערלעך, האָט זײ אָנגעשאַרפט — און קוקט, װאָס ער האָט געמאכט: געװען זײַנען מענטשן װי מענטשן, און איצט קאָן מען אפילע ניט דערקאָנען! אין װעמען זײַנען מיר געראָטן? װאָסערע שײנע װאָנצן בא אים זײַנען געװען (האָט ער אָנגעװיזן אפן „אמעריקאנער“), און איצטער איז ער געװאָרן א מין װײַבל, א פאַרדראָס צו קוקן... קײן סימען ניט געבליבן.

— און איר אלײן? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך גאָרניט!..

— פאַרשטײט זיך, גאָרניט: נײן, אזױ טאָר מען ניט... אױב איר װעט גײן אפן געריכט, טוט אָן אײַערע בגאָדים, און ניט די אַרעסטאנטישע. צו גוט זײַנען זײ פאר פּאָליטישע פּױערים... בעסער זאָלט איר זײַן אָנגעטאָן װי פריִער, װען ניט, װעט מען זיך ניט רעכענען מיט אײַער אָרעמקײט. זאָגט אײַער שערער, אז ער זאָל אײַך מאכן פאר פּױערים... אָט װי ער האָט אײַך געקאָנט אונטערפירן! דער געריכט װאָלט אײַך אַרײַנגעהאקט פאר זײַנע שערעלעך! װי באװוסטזיניקע אָנפירער פון דער באװעגונג...

די טפּיסע האָט מען אָנגעפּאקט אריבער און אריבער מיט אַרעסטירטע. אן אײנצײַטיקע זעונג מיט אלע אָנגעקלאָגטע האָט זיך אױסגעװיזן גאָר אוממעגלעך. עס איז ניט געװען קײן גרױסער גראמער צימער. די אַרעסטירטע פלעגן בוכשטעבלעך דערשטיקט װערן. קײנשום - שפּאַצירן האָט מען ניט געגעבן.

די אופזעער האָבן זיך כּוץ דעם צעריסן אף שטיקער. און די אַרעסטירטע האָבן שרעקלעך געדאָרשט נאָך פרישער לופט. אָפטמאָל פלעג איך צו זײ קומען אין די אָװנטן, נאָכדעם װי דער איניִען װעגן אנדערע האָט זיך שױן געהערט.

און האָב געבעטן דעם נאטשאלניק פון טפּיסע געבן מיר א זעונג מיט אַלעמען צוזאמען אין טפּיסע־הויף. ער פלעגט מאסקים זײַן. מע פלעגט זיי ארויספירן א גאנצן האמוין אף דער פרײַער לופט. די אופזעער פלעגן זיך צעשטעלן אין די ווינקלען הויף און פלעגן ווארטן, ביז עס וועט זיך ענדיקן די „זעונג". זיי האָבן דורשטיק געכאפט יעדן וואָרט פון אונדזער שמועס. אָפטמאָל האָבן זיי ניט אויסגעהאלטן. אומבאמערקט פלעגן זיי זיך נעמען צוריקן. נאָר די „פּאָ־שעטע, ניט קיין פארשפּיצטע" פויערים זײַנען שוין דורכגעגאנגען א טפּיסע־שול. און, באמערקנדיק צו דער צײַט, פלעגן זיי זיך נעמען אופרעגן:

— קוקט, קוקט—ער גאנוועט זיך!

איך האָב זיך א דריי געטאָן צום אופזעער, און יענער פלעגט אָפּטרעטן אף צוריק... און ווי עס זאָל ניט זײַן מאָדנע, נאָר אין דידאָזיקע אָוונטן האָב איך באנומען, ווי טיף עס איז די צוגעבונדנקײַט פון רוסישן פויער צו דער ערד, צו דער נאטור... „גאָט מײַנער, דו בארמהארציקער,—פלעגן זיי ריידן, קוקנדיק אף דער לעוואָנע און די שטערן,—ווי גוט דאָרטן איז! וויפל צײַט האָבן מיר עס שוין ניט געזען!" און אסאך פון זיי פלעגן פארגליווערט ווערן, קוקנדיק לאנג אפן הימל. עס פלעגט טרעפן, אז מיר פלעגן אפילע גאָרניט שמועסן וועגן איניען, אזוי פלעגט זיי פארכאפּן די פרישע לופט... נאָר אָפּט פלעגן זיי נעמען דערציילן... וואָס נאָר האָב איך זיך ניט אָנגעהערט!... און וויפל איז בא זיי דענסטמאָל, אין 1902 יאָר, געווען נאיִווקײַט, אומיטלבאר־קײַט, קינדישקײַט! ווען איך בין נאָכאמאָל געווען אף פּאָלטאווטשינע נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, איז די פויערים געווען ניט צו דערקענען: פונקט ווי אף הונדערט יאָר זײַנען זיי אוועק פאָרויס!... און דענסטמאָל!?

— הערט, ניקיטא,—האָב איך זיך געווענדעט צו איינעם פון די אָנגע־קלאָגטע,—לויטן איניען איז קאָנטיק, אז איר האָט אָנגעוויזן, אף טאראסן, אז ער האָט אײַך געגעבן ביכלעך?

— ווי דען? דאָס איז עמעס!—האָט ער קאלטבלוטיק געענטפערט, שטיי־ענדיק פרײַנטלעך לעבן טאראסן.

— עמעס? און איר, טאראס, זײַט אף אים ניט אין קאעס, וואָס ער האָט אָנגעוויזן אף אײַך?—האָב איך געפרעגט, ווײַל עס האָט זיך געוואָלט פאר־שטיין זייער פּסיכאָלאָגיע...

— און וואָס איז דאָ פאראן זיך צו קאעסן, אז דאָס איז אן עמעס,—האָט יענער געענטפערט.

— נו, גוט... און איר, טאראס, ווי האָט איר אָנגעוויזן, פונוואנען נעמען זיך צו אײַך די ביכלעך?

— איך האָב גאָרניט געזאָגט. בא מיר האָבן די זשאנדארמען געפרעגט, נאָר איך האָב געענטפערט: „מיר האָבן די פריצימלעך, וואָס האָבן געגעבן,

געזאָגט, אז איך זאָל קיינעם פון די זשאנדארמען און פּאָליצייסקע ניט זאָגן, װער סע האָט געגעבן, זיי האָבן געצוווּנגען א קוש טאָן דעם ציילעם, איך האָב א קוש געטאָן, און דעריבער קאָן איך ניט זאָגן". האָבן דעמלט די זשאנדארמען איינגעשטימט: „נו, אונדז זאָג שוין גאָרניט, און אפן געריכט דערצייל אלץ, ווי דער עמעס איז"...

— און איר?...

— מיילע. איך קלער אויך אפן געריכט אלץ דערציילן...

— װעגן ווּעמען?

— װעגן די פריצימלעך אלעקסענקאָ און גובארעוו... און נאָך...

— ניין, װעגן דעם דארף מען בעסער ניט ריידן...

— נו, קאָן מען ניט ריידן...

— ווי אזוי האָט איר פאנאנדערגעגעבן די ביכער?

— איך האָב אופגעבונדן די ביכער מיט א שטריקל און האָב אונטערגעהאנגען אין ברונעם. א פויערטע פלעגט גיין נאָך וואסער, פלעגט אראָפלאָזן דעם עמער און ווען זי פלעגט ציִען ארוף, פלעגן די ביכלעך אריינפאלן אין עמער.

און אָט דאָס „װוּנדערלעכע" דערשיינען פון די ביכלעך האָט געגעבן דעם סאמע ברייטסטן אומזאץ. אנדערע פלעגן לייגן די ביכלעך און בלעטלעך אף די פעלדער אונטער אָנגעװאָרפענער ערד. עס פלעגט קומען א פויער אקערן זיין שטיקל ערד און פלעגט זען, אז עמיצער האָט געבאלעבאטעוועט בא אים און, אויסרעכענענדיק געפינען אן אויצער פלעגט ער געפינען ביכלעך. און די ביכלעך פלעגן זיך צעפליִען איבער די הענט...

זיי האָט מען געמישפּעט, געמישפּעט און פארמישפּעט... ניט געקוקט אף דעם, וואָס די האמוינים פויערים האָבן אָנגעמאכט ניט ווייניק פּאָגראָמען אין די פריצישע הויפן, זיינען די אורטיילן ביכלאל געווען ווייכע—אף קורצע טערמינען טפיסע...

די אדמיניסטראציִע און דער געריכט האָבן ניט געקאָנט קוקן אף זיי, ווי אף שווערע פארברעכערס. מענטשן זיינען דאָס געווען הונגעריקע, דערפירטע ביז האָפענונגלאָזער פארצווייפלונג פון הונגער און עלנט...

און זיי? צום אָנהייב האָבן די פויערים מוירע געהאט פאר דער טפיסע, נאָכדעם האָבן זיי זיך צוגעוווינט און נאָכדעם האָבן זיי זיך איינגעלעבט מיט איר. מע האָט זיי איבערעדערצויגן.

איינמאָל, שוין נאָכן אורטייל, איז צו מיר געקומען צוגאסט איינער פון די באפרייטע אף קויצע—אן איינפאכער גרויער „פויערל".

— נו, וואָס? אף א יאָר האָט מען איַך פארמישפּעט?—האָב איך געפרעגט.

— אף דריי כאדאָשים.

— און ווי באַציט איר זיך צו דעם?...

— און אָט ווי, אַז אין פראַנקרײַך זײַנען מענטשן פאַר דער פרײַהײַט געשטאָרבן,—האָט ער געענטפערט,—און מיר קומט אויס אײַנגאַנצן זיצן דרײַ כאַדאָשים...—ער האָט גערעדט אַף זײַן פאָלקשפּראַך און „פראַנקרײַך" האָט ער אָנגערופן „כראַנציע", נאָר אין דעם וואָרט „פרײַהײַט" האָט ער זיך ניט אַראָפּגעשלאָגן...

— און איר האָט קיין מוירע ניט צו זיצן?—האָב איך איבערגעפרעגט אַ פאַרוווּנדערטער.

— פריִער האָב איך מוירע געהאַט. און איצט, ווי כ'בין אַרײַנגעפאַלן אין טפיסע—בין איך באַלד די גאַנצע ווייסנשאַפט דורכגעגאַנגען... זיי, איר ווייסט, די טפיסע־מענטשן, האַלטן אַלץ, אַז ס'איז ניטאָ קיין שרעקלעכערער מענטש פאַרן פּראָקוראָר: זעט אוועק זײַן אייגענע נעשאָמע אַף דער באַשולדיקונגבאַנק, וועט ער אויך זײַן נעשאָמע פאַר געלט נעמען באַשולדיקן. נאָר פאַר מיר איז ניט געווען קיין שרעקלעכער מענטש, ווי מײַן אייגענע ווײַב און זאָל גאָט היטן! און כ'האָב טאַקע מוירע געהאַט, ווי זי וועט מיך באַגעגענען, וואָס וועט זי זאָגן, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז מע דאַרף נאָך זיצן... אָט האָט מען אונדז אָפּגעלאָזן אַף קויצע, מיר גייען אַלע אַהיים, און די פויערים זײַנען אונדז אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן. דאָס ווײַבל לויפט אויך. ווי זי האָט מיך דערזען, אַזוי האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן: „באַפרײַט"! און איך האָב איר אַזוי באַזײַטיקט און זאָג: „ניט באַפרײַט, נאָר אַף דרײַ יאָר אַרעסטאַנטן־ראָטע און אָפּגענומען די רעכט". דאָ איז זי שיר ניט געפאַלן. און דעמסטמאָל זאָג איך איר: „גענוג, ווײַבל! ניט דרײַ יאָר, נאָך דרײַ כאַדאָשים, און בלויז טפיסע, און אָן אָפּנעמען די רעכט". זי האָט זיך דערפרייט. „אַדאַנק דיר, גאָט וואָס אַף דרײַ כאַדאָשים, זאָל גאָט געבן געזונט יענע ריכטער, וואָס מע האָט דיר פאַרמישפּעט"... אָט ווי עס איז! און אויך פאַרן פּראָקוראָר וואָלט זי גאָט געבעטן, נאָר זי האָט ניט געוווּסט, אַז אַזעלכע מינים באַשטעפענישן זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט, און איצט איז מיר קיין מוירע ניט צו זיצן. כאָטש דרײַ כאַדאָשים, כאָטש מערער...

— נו, און ראַבעווען פּריצים וועט איר?

— ניין, איצט האָבן מיר זיך אַ נײַעם וועג דערוווּסט, ווי אַזוי צווינגען זיי זיך באַגיין מיט אונדז... איר ווייסט, פון נאַכט קאָן מען שטענדיק אַ טאָג מאַכן...

א יִידישער פּאָגראָם

אין דער שטאָט בערעזן, טשערניגאָווער גובערניע, האָט זיך פאַנאַנדער־געוואָקסן א פּאָגראָם. עס האָט זיך אָנגעהייבן מיט א ציילעם־צוג, דער האמוין, וואָס האָט זיך אופגעקליבן לויטן גלאָקן־קלאַנג, האָט גערויבט יִידישע קראָמען. די פּאָליציי איז גלייכגילטיק געשטאַנען אָן דער זייט... דער פּריסטאַוו קריקונאָוו, מורמלענדיק א וואַלס, האָט זיך געשפּאַצירט איבער די בריקלעך. ער האָט געוווּסט, אַז דעם פּאָגראָם האָט אָרגאַניזירט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז אין דעקאַבער 1905 יאָר האָט דער דירעקטער וויִטש אליין פאַנאַנדערגעשיקט בלעטלעך, וואָס רופן צו אָן אָנפאַל און א פּאָגראָם אוף יִידן און „דעמאָקראַטיע”.

א פרוי האָט אָנגענומען צוויי זעקלעך פאַרשיידענע סכוירעס. זיי זיינען געווען שווער. טראָגןביידע האָט ניט געקלעקט קיין קויכעס. איינעם האָט זי געלאָזן אפן אָרט, דעם צווייטן האָט זי אַוועקגעטראָגן אהיים. ווען די פרוי האָט זיך אומגעקערט, איז שוין דאָס איבערגעלאָזענע זעקל פאַרשוווּנדן. האָט זי אופגעהייבן א פאַרצווייפלטן געשריי.

— אוי, ראַטעוועס, ראַטעוועס,—האָט זי געשריִען,—דאָס איז דאָך א גאַז־לעוואָניע. וואָס קוקט די פּאָליציי!...

און טרייסלענדיק מיט די פויסטן אין לופט, האָט זי זיך געריסן צום פאַר־לאָרענעם פּאָליציימאַן און האָט אופגערעגט געשריִען מיט ביטערע קויכעס.

— וואָס האָט איר געקוקט.

דער פּריסטאַוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט פריילעך א פּייף געטאָן דער פרוי אין פּאָנעם אריין און האָט נאָך אויסגעשריִען:

— עי, באָבע! וואָס איז פון וואָגן אראָפּגעפאַלן, דאָס איז פאַרפאַלן...

און דער פּריסטאַוו האָט ווײַטער גענומען אומשפּאַצירן!

פֿאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ הונדערט קאַזאַקן...

די באַפֿעלקערונג האָט זיך אָנגעשטרענגט, זיך צוגעהערט, נאָר ווײַטער געראַבעוועט און אַרומגעקוקט זיך.

מע האָט שוין צעוואָרפֿן די רײַכע וואַסערמיל. פֿון איר צווייטן שטאָק דורך אַלע פֿענצטער האָט מען געשאָטן טווע אַף דער ערד און אין טײַך... אין דער צײַט האָט זיך אַף דער דאַמבע באַוויזן דער פּריסטאַוו בעראָש פֿון אַן אָטריאַד קאַזאַקן. די רויבער האָבן אויפֿגעהערט שיטן די טווע און פֿון שרעק האָבן זיי אַליין גענומען שפּרינגען פֿון די פֿענצטער ווי מײַז.

דערזען דאָס, האָט דער פּריסטאַוו אַ געשריי געטאָן:

— וווּהין זשע, וווּהין?! צו וואָס אַנטלויפֿן! שטיי, דו ווײַסע מייע!

און איז רויִק דורכגעפֿאָרן מיט די קאַזאַקן פֿאַרבײַ.

די רויבער האָבן זיך אומגעקערט און האָבן פֿאָרגעזעצט זייער זאַך...

און אַזוי איז עס געווען ביז שפּעט באַנאַכט...

דער שמיד רעפּטשון איז אַרײַן אין אַזאַרט, גענומען אַ האַק, אַרויס אַפֿן גאַס און האָט צעהאַקט די קעפּ עטלעכע ייִדן, און נאָכדעם די ערשטע אַנטקעגנקומענדיקע רוסישע.

— „אַ טויט די דעמאָקראַטן!..."

דער פּריסטאַוו האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז גענוג. ער האָט באַפֿוילן די קאַזאַקן אַרויסנעמען די שווערדן און דורכפֿאָרן אין גאַלאָפּ איבערן גאַס.

— גייט זיך פֿאַנאַנדער!...

דער פּאָגראָם איז טייקעף אײַנגעשטילט געוואָרן. נאָר רעפּטשון האָט זיך ניט באַרויִקט, ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פֿונעם איבערגעשראָקענעם שטעטל און האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט נאָך אָן „אַרבעט טאָן".

דאָס שטעטל איז געווען רויִנירט. איך האָב אויסגעפֿאָרשט די ייִדישע פּאָגראָמען פֿון גאַנץ טשערניגאָווער גובערניע.

אין בערעזן איז דער פּאָגראָם געווען שרעקלעך לויט דער צאָל מענטשלעכע קאָרבאָנעס. איך האָב אויפֿגעזאַמלט אין אַ שריפֿטלעכער פֿאָרם די באַווײַזן פֿון די אײַדעס וועגן רעפּטשונס אויסערגעוויינטלעכע מערדערײַען. איך האָב זיך געמאָלדן צום פּראָקוראָר פֿון טשערניגאָווער קרײַז־געריכט און האָב אָנגעגעבן אַף רעפּטשונען אָן אָנקלאַגע, וואָס ווערט באַשטעטיקט מיט דאָקומענטן, געבעטן טייקעף אַרעסטירן אים. דער פּראָקוראָר האָט אָפּגעזאָגט: אין דער טפּיסע איז ניטאָ קיין אָרט. און באַנאַכט האָט ער אַרעסטירט אייניקע גימנאַזיסטן, וועלכע האָבן געקליבן ידיעות וועגן די פּאָגראָמשטשיקעס. איך

בין ווידער געקומען צו אים. נאָכן שפּארן זיך און נאָך מײַנע דראָנגען פאר־עפנטלעכן זײַן אָפּזאָג אין די צײַטונגען פון הויפּטשטאָט. האָט זיך דער פראָ־קוראָר פלוצים געכאפּט:

— איר ווייסט וואָס?! איך וועל בעטן דעם איספּראווניק ארעסטירן רעפּ־טשונען אין אָרדענונג פון פארשטארקטער וואך, ווי א פּאָליטיש ניטזיכערן, אנדערש קאָן איך ניט... אײַך באפרידיקט עס?...

מיר האָט עס „באפרידיקט", ווײַל וועגן דעם איניען ארום דעם פּאָגראָם האָב איך באדארפט ארויסטרעטן אלס אָנפארטרויטער פון די ציווילע מאָנער.

איך בין פריִער געווען אפן אָרט, אלץ באקוקט. אין פּאָרטפעל זײַנען שוין געלעגן עטלעכע צענדליק אָנטרוי־פּאפּירן פון די געליטענע.

ווען איך בין געקומען אין שטאָט, ווו עס איז פּאָרגעקומען די געריכט־סעסיע, איז צו מיר אומגעריכט געקומען א גרויסער האמוין נײַע אָנקלאָגער. פון יעדער הויף צונויפשטעלן די פּאָרמעלע אָנטרוי־פּאפּירן איז שוין געווען שפּעט, און מיר האָבן באשלאָסן, אז זיי אלע וועלן דערקלערן מינדלעך דעם געריכט וועגן דעם, אז זיי קלײַבן מיך אויס פאר זייער אָנפארטרויטן. איך האָב פארפילט געדרוקטע בלאנקען פון מעלדונגען, וואָס זיי האָבן טאקע אָנ־געגעבן פארן סאמע עפענען די זיצונג פון געריכט.

אלע געבײַדעס פון אויעזדישן געריכט־צוזאמענפאָר זײַנען געווען איבער־געפולט מיט ציווילע אָנקלאָגער. זיי האָבן געברענט פונעם פארלאנג קלאָר מאכן אפן געריכט דעם פריסטאווס ראָלע. וועגן דעם האָבן זיי מיך אופגע־רעגטע געבעטן... איך האָב זיי געבעטן אָנצוהייבן זייערע באווײַזן מיטן דער־ציילן וועגן אים.

די זאך איז אוועק.

די ציווילע מאָנער זײַנען „דערלאָזן" געוואָרן און דערווײַטערט געוואָרן אין דעם איידעס־צימער.

ווען עס איז ארײַן דער ערשטער פון זיי, געענוי דערציילט וועגן גאנג פון די געשעעניִשן און באריִרט אויך דעם פריסטאוו, האָט זיך דער פּאָרזי־צער צעשריִען, אז דאָס אלץ האָט צום איניען קיין שײַכעס ניט, אז מע מיש־פּעט דאָ די פּאָגראָמשטשיקעס־פויערים און ניט די פּאָליציי.

נאָר פודעסטוועגן האָט דער אלטער ייִד אײַנגעשפּארט גערעדט זײַנס.

— דער פּאָגראָם איז פּאָרגעקומען צוליב אונדזער פריסטאווס שולד... ער האָט אָרגאניזירט...

איך האָב געבעטן ארײַנטראָגן אין פּראָטאָקאָל פון געריכט־זיצונג דידאָזיקע ווערטער.

— אז זיי האָבן ניט קיין שייכעס צום איניען! — האָט דערקלערט דער פּאָרזיצער. — איך זאָג אָפּ ארײַנצוטראָגן דאָס.

— אָבער דער פּראָטאָקאָל דארף דאָך אנטהאלטן אין זיך אלץ, וואָס איז אזוי אָדער אנדערש דורכגעגאנגען פאר די ריכטער... דער איידעס דײַעוו האָט אָנגערופן דעם פריסטאַוו...

— איך זאָג זיך אָפּ דאָס, דאווקע דאָס, ארײַנצוטראָגן אין פּראָטאָקאָל.. מיר זײַנען פארפליכטעט אָפּצומערקן נאָר די טעטיקייט פון געריכט...

— אף אזא אויפן בעט איך ארײַנטראָגן, אז אָפּמערקן דעם געבראכטן פאקט איז מיר אָפּגעזאָגט געוואָרן... דאָס איז שוין די טעטיקייט פון געריכט...

— קיינמאָל וועל איך עס ניט ארײַנטראָגן! איך האָב געזאָגט, אז די פּאָ־ליציי מישפּעטן מיר ניט.

דער ציווילער מאָנער האָט פארנומען דעם אָרט.

עס איז ארויס דער ווײַטערדיקער איידעס—דער געליטענער. ער האָט גלײַך אינפאָרמירט וועגן פריסטאַוו און האָט לאנג דערציילט וועגן פּאָגראָם. איך האָב געבעטן פארפּראָטאָקאָלירן וועגן פריסטאַוו. ווידער אָפּגעזאָגט.

דער פּאָרזיצער האָט הויך געשריִען, אז ער וועט מער „ניט לאָזן" בארירן די טעטיקייט פון דער פּאָליציי!...

צו באוווּנדערן איז דעם אָנדראָטיקן טעלעגראַף. אף גרויסע שטרעקעס, דורך פארשלאָסענע טירן און פענצטער, אײַזערנעם דאך, דעם ערד־אָנשיט פון באלקן, שטיינערנע ווענט גיט ער איבער אין א צימער אין א גיטגרויסער קעסטעלע פונערגעץ געלאָזענע עלעקטרע־כוואַליעס. און דער פארשלאָסענער צימער טראָגט זיך אוף מיט דער אויסערלעכער וועלט, ווי אין איר וואָלטן געווען דורכגעפירט די סאמע בעסטע דורכפירער. אָבער נאָכמער צו באווונ־דערן איז דער איידעס־צימער! די טירן און פענצטער זײַנע זײַנען ניט נאָר פארשלאָסן: צו זיי זײַנען צוגעשטעלט גאָרדאָוויִעס און באאמטע. קיינער טאָר פון דאָרטן גאָרניט הערן. אזוי „פארזאָגט" דער פּאָרזיצער אליין. און דאָך איז געווען געגוג דעם פּאָרזיצער א געשריי טאָן, אז ער וועט ניט לאָזן ריידן וועגן וואָס ניט איז, און דאָרטן איז דאָס אלץ שוין געוואָרן באוווּסט.

נאָכן געשריי פון פּאָרזיצער האָט יעדער געליטענער אף דער סטערעאָ־טיפּישער פראגע: „וואָס ווייסט איר וועגן דעם איניען?" — מיט דער שנעלקייט פון א קוילנווארפער אויסגעשאָסן.

— דער פריסטאַוו האָט עס אלץ אופגעטאָן.

— דער פריסטאַוו האָט די מיל באפוילן פאנאנדערנעמען.

— דער פריסטאַוו האָט געזונגען א וואלס, ווען מע האָט געראבעוועט...

און ווי דער פאָרזיצער האָט ניט געשריִען, האָבן די געליטענע, קוים עפענענדיק דעם מויל, באוויזן יעדערער דערציילן וואָס ניט איז נײַס וועגן פריסטאוו!...

און איך האָב אַלץ געבעטן אַרײַנטראָגן אין פּראָטאָקאָל און האָב אַלץ באַקומען אַן אָפּזאָג...

אין דער צײַט פון איבעררײַס האָבן צוויי פון מײַנע אָנפּאַרטרויער מיר דערקלערט אין נאָמען פון די איבעריקע, אַז צוציִען דעם פריסטאוו צום געריכט איז פאַר זיי וויכטיקער ווי צומישפּעטן די העזייקעס. פון די פּאָגראָמשטשיקעס וועט מען אַלציינס גאָרניט נעמען.

און איך האָב באַשלאָסן זיך דערשלאָגן מײַניקע.

דער איניִען האָט זיך געהערט אין בערעזן, אויף דאָרעם־אוקראַיִנע, אין יול־כוידעש. די היץ איז געשטאַנען אַ „מעשוגענע". די אָפענע פענצטער האָבן ניט געהאָלפן. דער זאַל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. עס האָט אויסגעפעלט לופט. און דער פאָרזיצער, די מיטגלידער פון געריכט, און די שטאַנדפאָרשטייער — אַלע זײַנען געווען אין לײַכטע קיטלען. און אַלע זײַנען געווען אויסגעמאַטערט פון היץ. אָבער וואָס האָב איך געפילט אין אַ שוואַרצן טוכענעם פראַק?! שווייס האָט געגאָסן טײַכנווײַז, און איך האָב זיך אין אים געבאָדן, ווי אין קאָכיקע וואַסער.

און דאָך נאָכדעם, ווי מע האָט פאַרענדיקט דעם פאַרהער פון יעדן איידעס געליטענעם, האָב איך ווי פריִער געבעטן לאָזן אים אין זיצונג־זאַל.

צוליב וואָס אייגנטלעך אים?... — פלעגט „נאַיִוו" פרעגן דער פאָרזיצער.

— נויטיק, — פלעג איך ענטפערן „גלײַכגילטיק".

ווען אין געריכט־זאַל איז שוין ניט פאַרבליבן קיין איין ליידיקער אָרט, האָט זיך דער פאָרזיצער געווענדעט צום פּראָקוראָר:

— צי געפינט איר ניט פאַר מעגלעך צו דערוויַיטערן די פאַרהערטע איידעס? ניטאָ קיין אָרט!... מיר ווערן דערשטיקט! — האָט ער צוגעגעבן שטילערהייט...

— געוויס, איך געפין ניט קיין שטערונג... פאַרקערט... איך פון מײַן זײַט וואָלט געבעטן דערוויַיטערן...

— הער אָנפּאַרטרויטער פון די ציווילע מאָנער?

— יעדער ציווילער מאָנער, ווי אַ צאַד אין איניִען, אָפּן סמאַך פון 630 און 531־טן אַרטיקל פון קרימינעלער געריכט־פירונג באַנוצט זיך אין פּראָצעס מיט דיזעלבע רעכט, וואָס דער פּראָקוראָר, איבער אַלע אָנגעלעגנהײַטן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו זײַן מאָנונג. און פונקט ווי מע קאָן ניט דערוויַיטערן דעם הער פּראָקוראָר, אַזוי קאָן מען ניט דערוויַיטערן פון זאַל אויך די ציווילע

מאָנער. זיי קאָנען נאָר אוועקגיין לויטן אייגענעם פארלאנג... ווי איידעס זײַנען זיי מיר מער ניט נויטיק, נאָר אַלס ציווילע מאָנער ווילן זיי אַלע ביז איינעם בלײַבן אין זאַל פון דער גערי‏כט־זיצונג...

דער פאָרזיצער איז גרין געוואָרן.

— דערלויבט! בלויז ציווילע מאָנערס בלײַבט דאָך נאָר פופציק מאן... וואָס זאָל מען ווײַטער טאָן?!

— פאָרזעצן די גערי‏כט־זיצונג,—האָב איך געענטפערט א פארסאָפּעטער.

— דאָס איז אומעגלעך... ניטאָ קיין אָרט, ניטאָ קיין לופט...

— די גאראנטיעס פון גערי‏כט־יוישער דארפן אָפּגעהיט ווערן...

די זיצונג איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

מע האָט פארהערט נאָך צען איידעס ציווילע מאָנער. זיי זײַנען שוין געשטאנען ארום דעם גערי‏כט־טיש.

דער פאָרזיצער האָט דערקלערט אַן איבעררײַס.

צו מיר איז צוגעגאנגען דער גערי‏כט־פּריסטאוו און האָט אינפאָרמירט, אַז דער פאָרזיצער בעט ארײַנגיין צו אים

איך בין אוועק. ער איז געווען אליין. די ריכטער האָבן „געכאפּט אביסל לופט” אין סעדל.

— טײַערינקער!—האָט גאסטפרײַנטלעך אויסגעשריִען דער פאָרזיצער, קוים דערזעענדיק מיך. ער האָט צערטלעך פאנאנדערגעפירט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן ארומנעמען.—כ'באגריס אײַער קומען... איר ווייסט, איך האָב באשלאָסן מיט אײַך זיך דורכריידן. פרײַנטלעך, היימיש...

— זייער צופרידן זיך באקאָנען...

— יאָ, נאָר אָט איר—ניט גוט!... איר ווייסט דאָך, אזוי קאָן מען ניט! איר האָט אונדז אויסגעמאטערט! א לוסטיקער מענטש זײַט איר! דאָס איז דאָך א שפּיצל! פארשטייט זיך, מיר קאָנען ניט דערווײַטערן די ציווילע מאָנערס... נאָר אויך אזא גרויסן איניען טאָר מען ניט ארונטערײַסן... וויפל בלויז ארויסרופ־צעטלען! ניט אָנצושרײַבן! אריבערטראָגן איז ניטאָ וווהין, אין דער שטאָט איז נאָר דער צירק אביסל גרעסער, אָבער דערפאר וועט מען אלציינס אָפּשאפן... די לאגע איז אָן אַן אויסוועג... לאָזט אָפּ מיט גוטן אײַערע אָנפארטרויער א היים...

— פאר קיין פאל ניט!

— אָבער אף וואָס דארפט איר זיי?

— כאָטשבי אף דעם, אַז זיי זאָלן אַלע געננוי וויסן, אַז איך שטרענג אָן אַלע קויכעס אף ארײַנטראָגן אין פראָטאָקאָל וועגן דעם פּריסטאווס שענדלעכע מײַסים און קאָן זיך ניט דערשלאָגן.

— אף וואָס טויג אײַך דעם פּריסטאַוו?

— ער איז דער הויפּט־שולדיקער, זאָל ער ענטפערן. איר האָט פאַרלאַנגט ריידן מיט מיר היימיש... איך מוז אײַך וואָרענען, אַז קאָלזמאַן איר וועט ניט אַרײַנטראָגן כאָטש דאָס מער וויכטיקע אין פּראָטאָקאָל, וועל איך ניט אָפּלאָזן קיין איין מענטשן!... אָדער לייגט אָפּ דעם איניען...

— מיילע, טראָגט אַרײַן. דערלאַנגט אָבער א הישטאַלדעס אין א נײַער פאָרם...

ווען עס האָט זיך געעפנט די זיצונג, און דער ערשטער געליטענער האָט אָנגערופן דעם פּריסטאַוו, האָב איך זיך אופגעהייבן.

— איך בעט אַרײַנטראָגן אין פּראָטאָקאָל, אַז דערדאָזיקער איידעס, ווי די אַנדערע, וועלכע האָבן אינפאָרמירט וועגן פּריסטאַווס, פאָלגנדיקע שרײַענדיקע פאַקטן (איך האָב אויסגערעכנט די פאַקטן), האָט באַוויזן אין העסקעם מיט זיי... און אָט וואָס...

— טראָגט אַרײַן אין פּראָטאָקאָל,—האָט אומגעדולדיק אויסגעשריִען דער פאָרזיצער.

— איך האָב געדיקטירט.

— איצט בעט איך באַפרײַען אַלע פאַרהערטע ציווילע מאָנער!...

— אַלע?—האָט אויסגעשריִען דער פאָרזיצער.

— יאָ.

דער איניען איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

און די פּאָגראָמשטשיקעס האָט מען פאַרמישפּעט.

איך האָב באַקומען א קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל פון דער געריכט־זיצונג, און אין פּעטערבורג האָב איך זיך געמאָלדן מיט איר צום געהילף־מיניסטער פון אינערלעכע איניאָנים. כ׳האָב אים געבעטן אופהייבן א פּראָצעס קעגן פּריסטאַוו, ווײַל דער טשערניגאָווער גובערנאַטער און דער פּראָקוראָר האָבן ניט געלאָזן אין גאַנג מײַן מעלדונג וועגן זײַן שענדלעכע מײַסים. דער געהילף־מיניסטער האָט זיך לאַנג געקווענקלט, געדרויטלט, האָט א צעמישטער געלייענט די פּראָטאָקאָלן (איך האָב אַלץ, וואָס איז געווען נייטיק, אונטערגעשטראָכן מיט א רויטער בלײַקע) און, לעסאָף, נאָך מײַנע דערמאָנונגען, אַז ער איז א געוועזענער פּראָקוראָר, האָט ער פאַר מיר אין די אויגן אוועקגעשיקט דעם טשערניגאָווער גובערנאַטער א טעלעגראַמע וועגן צוציִען דעם אויסוווּרף דעם פּריסטאַוו.

איך ווייס ניט מיט וואָס עס האָט זיך פאַרענדיקט... מיסטאָמע האָט זיך דער פּריסטאַוו געזעצט אף דער באַשולדיקונג־באַנק.

אָבער פאַרוואָס דערמאָן איך זיך נאָך אויך איצט מיט אַזא בענקשאַפט וועגן דעמדאָזיקן „פרייַלעכן איניען?״

דער בײַל

„דער איניען פון 1905 יאָר“ האָט זיך געהערט אין מיליטערישן פעלד־געריכט בא פארמאכטע טירן. אין פוסטן זאל הינטער מײַן פלייצע איז געזעסן אן אָנגעקלאָגטער ארבעטער.

— איך בין געגאנגען איבערן גאס, הינטער דער נעווער זאסטאווע, — האָט געגעבן באווײַזן דער געהילף־פריסטאוו, — פלוצים איז פון הינטערן פלויט ארויסגעלאָפן דערדאָזיקער מענטש (דער געהילף האָט אָנגעוויזן אף מײַן ארבעטער), אלנפאלס, אזוי דוכט זיך מיר. ער האָט א שווינדל געטאָן פאר מײַנע אויגן פולקאָם בוילעט. עס האָט זיך דערהערט א שרעקלעכער אופרײַס. מיר האָט שיר ניט אומגעוואָרפן און עפעס ווי א ברען געטאָן. די ערד האָט געציטערט. די באָמבע האָט דאָך אויסגעגראָבן א טיפע גרוב... איך האָב זיך באמיט אָפקערן. ווען עס האָט זיך צעשפרייט דער רויך, האָב איך דערזען, אז דערדאָזיקער מענטש לויפט איבערן גאס. אין א מינוט ארום בין איך איינגאנצן געקומען צו זיך און האָב זיך א וואָרף געטאָן נאָך אים. הינטן איז געפלויגן נאָך עמיצער. איך בין ניט אָפגעשטאנען. דעריאָגט דעם פארברעכער. ער איז געלאָפן אין טויט־שרעק, קאָנטיק, גאָרניט געדענקענדיק און באנעמענדיק. דעם טעמפן ווינקל פון גאס האָט איבערגעהאקט א שטוב מיט א דורכגאנג־הויף. דערדאָזיקער מענטש איז צוגעלאָפן צו דעם הילצערנעם טויער. דאָס קליינע טירל, א נידעריקס, איז געווען אָפן. איך האָב אים קימאט ווי אָנגעיאָגט. בא מיר אין די הענט איז געווען אן אנטבלויזטער שווערד. אפן פולן גאנג האָט זיך דער פארברעכער מיטן גאנצן קויעך א קלאפ געטאָן מיטן שטערן אָן טויער, קאָנטיק, זיך פארלאָרן און אָפגעשטעלט זיך. אין דערזעלבער צײַט, כ׳ווייס ניט ווי אזוי, האָב איך זיך אויך אָפגעשטעלט, און צוליב דעם האָב איך געקאָנט אופמערקזאם ארומקוקן זײַן קליידונג. איך באשטעטיק, אז אף אים איז געווען פונקט אזא שווארצער מאנטל! נאָר דאָ האָט ער זיך פליצים אָפגעקערט, אײַנגעבויגן זיך און זיך ווידער געלאָזן לויפן. איך האָב זיך א וואָרף געטאָן נאָך אים, נאָר אזוי ווי איך האָב זייער א הויכן וווקס און כ׳האָב פאָרזיכטיק אריבערגעטראָטן דעם שוועל פון טירל, האָב איך אף עטלעכע רעגעס אים פארלאָרן... ער איז ארויסגעשפרונגען אפן גאס. ווען איך בין ארויסגעלאָפן הינטערן אנדערן טויער, איז ער דאָ ניט געווען — ער איז זיך, ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען, געגאנגען פאמעלעך אף דער אנדער זײַט. איך

האָב זיך א וואָרף געטאָן צו אים און האָב אים פארהאלטן. ער האָט שווער געאָטעמט. איך מיטן שוימער האָבן אים אוועקגעפירט אין צירקל... דער פּריס־טאוו האָט שוין גלײַך דערקאָנט ווער ער איז. אים האָט מען מיט צוויי כא־דאָשים צוריק ארעסטירט אף א וואָך פאר אָנטײלנעמען אין אן ארבעטער־דעמאָנסטראציע און מע האָט אים ארויסגעלאָזן. דאָס זיצט ער אף דער באַ־שולדיקונג־באנק!.. דענסטמאָל האָבן די גאָראָדאָוויִעס זיי צעשלאָגן, און ער, קאָנטיק, האָט געגומען נעקאָמע...

אָנוויַיזנדיק אפן באשולדיקטן, האָט זיך דער געהילף־פּריסטאוו אביסל אופ־גערעגט און צום סאָף פון דער דערציילונג האָט ער אָנגעהייבן שווער צו אָטעמען.

איך האָב געוואונדעט די אופמערקזאמקײַט פון מיליטערישן געריכט אף דעם, אז דער געהילף־פּריסטאוו אָטעמט אויך פונקט אזוי שווער, כאָטש ער שטייט אף אן אָרט.

— איך האָב זיך אופגערעגט,—האָט ער באמערקט.

— איך צווייפל ניט אין דעם,—האָב איך געענטפערט, און נאָכדעם האָב איך אים פארגעבן אייניקע פראגעס, קעדיי די ריכטער זאָלן פעסטער געדענ־קען, אז דער אנטלאָפענער האָט זיך ווירקלעך צעקלאפּט מיטן שטערן אָן טויער.

דער איניען איז באטראכט געוואָרן לויט די געזעצן פון מילכאָמע־צײַט, און דעריבער בלויז אין עטלעכע טעג ארום נאָך דער געשעעניש. עס האָט זיך געדוכט, אז די האָפּערדיקע באווײַזן פון געהילף־פּריסטאוו האָבן אלץ באַ־שטימט פאר די ריכטער. מיט דעם האָט מען זיך גערארפט רעכענען.

— אין יענע מאָמענטן, וועגן וועלכע איר האָט גערעדט, איידעס, אז איר האָט זיך ניט אָפּגעריסן און אלץ נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע, צי האָט איר גענוי באמערקט יעדער באוועגונג זײַנע?

— יאָ...

— דערציילנדיק וועגן דעם, אז ער האָט זיך א קלאפּ געטאָן מיטן שטערן אָן טויער, צי האָט איר ניט קיין טאָעס?

— פארשטייט זיך, אז ניט, איך האָב עס זייער גוט געזען...

דעם געהילף־פּריסטאוו האָט מען אָפּגעלאָזן.

עס איז ארײַן דער פּריסטאוו אליין און האָט דערציילט, ווי מע האָט גע־בראכט צופירן דעם באשולדיקטן.

— ווען מע האָט אים געבראכט אין צירקל, איידער דערגיין עפּעס, צי האָט איר אופמערקזאם באקוקט דעם פּאָנעם באם באשולדיקטן?

— יאָ, פארשטייט זיך! איך קוק שטענדיק אופמערקזאם...

— צי האָט איר ניט באמערקט אף זײַן פּאָנעם וואָס ניט איז באזונ־דערעס?

— ניין, קיין באזונדערע זאכן איז ניט געווען!.. אויסער, עפּשער, א געוויסע צעשטרייטקייט...

— צי איז ניט געווען בא אים א רויטער שטערן, צי האָט ער ניט געהאט אפן שטערן ביילן?

— אים האָט קיינער ניט געשלאָגן!.. בא אונדז אין צירקל...

— אָבער א בייל אפן שטערן איז געווען?

— קיינע ניט!

— איר קאָנט עס באשטעטיקן?

— אפן סאמע קאטעגאָרישסטן אויפן!

— די רויטקייט פון פּאָנעם האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן?

— ניט ווייניקער קאטעגאָריש באשטעטיק איך, אז זיין פּאָנעם איז געווען דער סאמע געוויינלעכער.

דער דריטער איידעס, דער הויז־וועכטער, האָט באוויזן, אז ער איז געלאָפן פונהינטן, דערפאר קאָן ער ניט דערקאָנען דעם אָנגעקלאָגטן.

איך בין אָנגעפאלן אפן פּראָקוראָרס באשולדיקונג־מאָטיוון.

— דאָס איז ניט ער, — האָב איך געזאָגט צום סאָף, — דער געהילף־פּריסטאוו באשטעטיקט קאטעגאָריש, אז דער, וואָס איז געלאָפן, האָט זיך א קלאפּ געטאָן מיטן שטערן אָן טויער! ווו איז כאָטש א רויטקייט אפן שטערן. ווו איז דער בייל? אויב ער האָט זיך א קלאפּ געטאָן אפן פולן גאנג, האָט ער געדארפט בלייבן אפן שטערן, ער האָט ניט געקאָנט פארשווינדן אפילע ביז היינטיקן טאָג! דאָס איז ניט ער! דער בייל, דער פּאָשעטער בייל, וואָס מיר פלעגן זיך קליינערהייט אָנקלאפּן אף די שטערנס, וועט דאָס מאָל אים ראטעווען פון טליע בעסער פון אלע מאָטיוון, בעסער פון אלע איידעס־זאָגענישן. קאָנטיק, אז דער אנטלאָפענער איז פארשוווּנדן אָדער, קאָן זיין, ער האָט זיך פארבאהאלטן אין דורכגאנג־הויף...

איך האָב אנטוויקלט דעם געדאנק, אז דעם וואָס לויפט, איז שווער גיין טראָט בא טראָט, ווען נאָך אים יאָגט זיך דער טויט אליין, ווען אין לויפן איז די רעטונג.

— אָבער דער באשולדיקטער, בייס מע האָט אים געכאפּט, האָט שווער געאָטעמט?! יאָ, ער האָט געקאָנט גיין שנעל, ער האָט געקאָנט זיך אופרעגן. די פּאָליציי האָט אים שוין איינמאָל אומזיסט ארעסטירט. מע האָט אים דאָרטן געשלאָגן. און עס איז געווען פון וואָס זיך אופצורעגן. עפּשער איז בא אים א הארץ־פעלער. אָט דאָס ווייסן מיר דאָך ניט! און ניט ווייסנדיק דאָס, קענען מיר ניט אורטיילן וועגן דעם. ער האָט געבעטן ארויסרופן איידעס, קעדיי דערקלערן, ווו ער איז געווען, פונוואנען ער איז געגאנגען. נאָר דער מיליטערישער געריכט האָט אָפּגעזאָגט שיקן זיי ארויסרוף־צעטלען, ווייל זיי ווינען

מיכוץ דער שטאָט... וואָס קאָנסטו טאָן, אויב די גאַס פון אויעזד גיסט זיך צונויף מיט דער גאַס פון שטאָט, און די געזעצן פון מיליטערישער צײַט זענען ניט פאָרויס די מעגלעכקײַטן פון אַזאַ פאַקט...

דעם יאַט האָט מען באַפרײַט. אינאָוונט איז ער געקומען צו מיר באַדאַנקען.

— הערט, — האָב איך אים געפרעגט, — זאָגט דעם עמעס, צי האָט איר טאַקע געוואָרפן די באָמבע?!

— איך!.. אָט דערדאָזיקער אויסוואורף דער געהילף־פּריסטאַוו צוזאַמען מיט גאָראָדאָוויעס האָבן דעמלט אומבערעכנדיק אונדז אַרבעטער געשלאָגן אין צירקל. ווען מע האָט מיך באַפרײַט, האָב איך געטאָן אַלץ, קעדיי קריגן אַ באָמבע, און האָב געוואָרפן...

— ווי אַזוי?! — האָב איך אויסגעשריִען. — אָבער איר האָט זיך דאָך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטערן אָן טויער?!

— יאָ, און שרעקלעך! איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַלן, באַ מיר האָבן זיך פון די אויגן געשאָטן פונקען! דאָס איז ערגער פון אַ באָמבע־אויפרײַס!

— אָבער דער בײַל, ווו איז אײַער בײַל?!

— אָ, יאָ, ער איז פאַראַן! איך האָב זיך אַ קלאַפּ געטאָן ניט מיטן שטערן, נאָר מיטן שאַרבן, קימאַט מיטן פּאַטיליצע, ווײַל איך בין געלאָפן, אײַנגעבויגנדיק זיך. דער בײַל איז אונטער די האָר... גיט אַ פּרוּוו, ווי אַ באַר די גרויס איז נאָך איצטער...

איך האָב אַ פּרוּוו געטאָן און אויסגעשריִען.

— אָבער אײַך האָט געראַטעוועט דאָס, וואָס מע האָט געמישפּעט מיט אַ מיליטערישן, זייער שנעלן, אײַליקן געריכט. אין דער געריכט־פּאַלאַטע, רעכן איך, וואָלט מען זיכער געגעבן באַטראַכטן אײַער קאָפּ אַ דאָקטער — אַן עקספּערט...

— יאָ, אין יעדער מין שלעכטס איז דאָ עפּעס גוטס, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.



אַרויסגעדרייט זיך

איבער דער טפּיסע האָט געהערשט אַ שטילקייט. די אַרעסטירטע האָבן מיט שרעק געקוקט אין די פענצטער און האָבן געוואַרט, ווען מען וועט מען אַוועקפירן צום געריכט. אַ גרויסע הילצערנע קאַסטן אויף רעדער איז מיט געדודער אַרײַנגעפאָרן אין די טויערן, און אַן אַרומגערינגלטע דורך אַ קאָזאַקישער וואַך, האָט זי אַוועקגעפירט בלייכע מענטשן. ווען דער עקיפּאַזש איז ווידער אַרײַנגעפאָרן אין די טויערן און מע האָט פון אים אַרויסגעפירט די אַרעסטירטע, זײַנען אייניקע געגאַנגען און געוואַקלט זיך, אַנדערע האָבן מיט פאַרציטערטע שטימעס געשריִען די לעצטע גרויס־ווערטער פון פאַרורטיילטע צום טויט־שטראָף. דער מיליטערישער געריכט איז געשיקט געוואָרן אין אָט דער ניטגרויסער שטאָט זיך אָפּרעכענען מיט די רעוואָליוציאָנערן, אַזוי ווי אַ שטראָף־עקספּעדיציע, און דער געריכט איז געווען אומבעראַכמאָנעסדיק: איבער אַלע צוואַנציק איניאָנים, איבער אַלע איניאָנים ביז איינעם, וועלכע זײַנען מיט דער שנעלקייט פון אַ שאָס אויסגעהערט געוואָרן ביז איצט, האָט דער געריכט אַרויסגעטראָגן טויט־אורטיילן — און אַלע זײַנען זיי מיט דער אומבעראַכמאָנעסדיקייט פון דער אײַנשלינגעדיקער נאַכט אויסגעפּילט געוואָרן...

אין געסל פון טפּיסע־הויף...

אפילע איבער יוגנטלעכע — קינדער, וואָס האָבן נאָך גאָר אינגאַנצן ניט געלעבט...

די באַשולדיקטע, אין דער גרעסטער מערהייט מענטשן, וועלכע עס האָט צופעליק אונטערגעכאַפּט די ליידנשאַפטלעכע כוואַליע פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר אויף איר אָפענער און קאָכיקער אויבערפלאַך, האָבן עטלעכע כאַדאָשים צוריק געשריִען, געדופן, זיך געקאָכט און האָבן עס אַלץ געטאָן פאַר די אויגן פון דער מאַכט, ניט קלערנדיק וועגן קאָנספּיראַציע, וועגן אונטערערדישן קאַמף. זיי האָבן געטאָן די סאַמע ״שרעקלעכסטע זאַכן, גערעדט

שרעקלעכע ווערטער, פאַרגעסנדיק וועגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און אַלנפאַלס האָבן זיי זי ניט פאָרגעשטעלט זיך אַזוי אונטערערדיש... נאָך נעכטן די סאַמע פרידלעכע קליינבירגער אָן א רעוואָליוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, אָן א טפיסע־שול, אָן א שטאַנדהאַפטיקער כאַוועריסער סוויווע, האָבן זיי זיך פאַרלאָרן און אָפּט אַף צו פאַרהערן האָבן זיי אָנגערעדט איינער אַף דעם אַנדערן און מיט דעם אַליין האָבן זיי נאָכמער געטאָן א ראָע זיך און זייערע באַקאַנטע.

דער טעראָר פון מיליטערישן פעלד־„געריכט" האָט אָן אויפהער געבושעוועט אין די אויפגעטרייסלטע שטעט פון באַלטישן קאַנט—אין ריגע און רעוועל.

אין דעם פּראָצעס זיינען די אָנגעקלאָגטע אַרבעטער געווען באַוווּסטזיניקע. די איבעריקע—פּויערים, וועלכע זיינען צופעליק אַריינגעפלויגן... מע האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען, און נאָר די פאַרמישפּעטע האָט מען אָפּגעפירט אין א באַזונדערער, ווייטער קאַמער, פונוואַנען זייערע שטימעס האָבן זיך שוין ניט געקענט צוטראָגן צו די כאַווײרים און פונוואַנען מע האָט אָפּגעפירט יעדער נאַכט אין טפיסע־הויף אַף צום הענגען.

ווען איך בין אַריין אין קאַמער צו די אַרעסטירטע, אינגאַנצן פאַרלאָרענע, האָבן זיי זיך געוואָרפן צו מיר, האָבן אַרומגערינגלט און גענומען בעטן הילף.

— מיר ווילן לעבן! לעבן! ראַטעוועט פון טליע! אַזוי טאָר מען דאָך ניט! פאַר וואָס הענגט מען? ראַטעוועט! ראַטעוועט!

איך האָב זיך געפּרוווט זיי באַרויקן, נאָר עס איז גאָרניט אַרויס.

פון די צייטונגען האָב איך שוין פריִער געוווּסט, ווי שרעקלעך עס איז דערדאָזיקער „געריכט"—דאָס טאַליאָנים־שטיבל. געוווּסט וועגן דעם, וואָס פאַר ווילדע כייע עס איז דער גענעראַל אַרבוזאָוו—זיין פּאָרזיצער.

און איך האָב געוואָלט אַף וויפל עס איז מעגלעך בעסער באַנעמען אָט דעם טרוקענעם זאָקן, פאַרשטיין אַלס א מענטשן, קעדיי קאָנען זיכערער האַנדלען.

און איך בין אַוועק צו אים מיט אַן אויסרייד זיך דורכשמועסן, צי קאָן ער צולאָזן פּרייַנט און באַקאַנטע צו די אָנגעקלאָגטע.

אָנגעטאָן האָב איך זיך ווי א טעקעלע, א האַרטער קאַפּעליוש, אַן אויסגעפּרעסטער אָנצוג, הענטשקעס, שיך, וואָס קוועטשן אין פוס, אַן עלעגאַנט וויזיט־קאַרטל... אַלץ ווי געהעריק...

דער גענעראַל האָט מיך אויפגענומען פרייַנטלעך. די סאַמע שטרענגסטע פון זיי זיינען ריטעריש פרייַנטלעך... ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט לאָזן ווער ניט איז אין זאַל.

אָבער צווישן אונדז האָט זיך פאַרבונדן א שמועס. מיט שוים אַף די ליפּן האָט דער גענעראַל גענומען שרייען וועגן דעם, אַז „ער פאַראַכט רעוואָליוציאָנערן".

— איך האָס זיי! — האָט געשריִען דער אַלטער. — הענגען זיי! העגנען זיי! איך דערקאָן זיי אָף א מעהאַלעך! איך זע זיי טייקעף נאָכן אָנטאָן, נאָך די פּענעמער! ווי איך כאַפּ נאָך א בליק! באַקלערט זיך: זיי זײַנען דאָך אַלע רווי־בער! יאָ, זיי ראַבעווען דאָס פאָלק! דאָס זיינען מענטשן, וועלכע טוען זיך אָן ווי פּראַגטן אָף די לעצטע פאָלק־גראָשנס. איר גיט א קוק אָף די אָנגעקלאָג־טע — די אַרבעטער. אָט איז אַן אַרבעטער, גיט א קוק! אין וואָס פאַר אַן אויס־זען ער קומט צום געריכט! אין אַן אָנגעקראָכמאַלטן קראַגעלע! האַ! ווי קומט צו אים אַן אָנגעקראָכמאַלטער קראַגעלע! גיט א קוק אָף זײַן פּידזשאַק! ער גייט דאָך אָנגעטאָן רײַכער ווי איך מיט אײַך! העגנען זיי, די באַנדיטן! העגנען זיי, די אויסוואורפן! איך דערקאָן זיי אָף א מעהאַלעך, אינסטינקטיוו פּיל איך זיי! העגנען, העגנען!

ווי די פּאָדלאָגע וואָלט זיך געשאָקלט בא מיר אונטער די פיס... איך האָב געמוזט זיך אײַנהאַלטן...

און איך האָב זיך באמיט דערמאָנען, ווען און ווו האָב איך געזען אָט דעם שרעקלעכן מענטשן... און פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט... אין מוזיי פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן אָף נאָוואָסילצעווס בילד. מאַליוטאַ סקוראַטאָוו גייט צום אַלטן פּיליפּן.

פּונקט אזא שרעקלעכער גאַזלאָנישער פּאָנעם... אָט באַלד וועט ער דער־שטיקן א מענטשן מיט די אייגענע האַמעטנע הענט...

דאָס איז שוין געווען דער 1906־טער יאָר. דער קאַמף פון אַרבעטנדיקן פאָלק מיט דער זעלבסטהערשונג פון ניקאָלײַ דעם II, מיט דער נידערטרעכ־טיקער צאַרישער רעגירונג פאַר פרײַהײַט און סאָציאַליזם איז געגאַנגען ווײַ־טער. אָף מײַן אַרבעט פון א פּאָליטישן פּאַרטיידיקער האָב איך געקוקט, ווי אָפן אָנטייל אין דעמדאָזיקן קאַמף, ווי אָף דער רעטונג פון די אומקומענדיקע מאַרטירער — קעמפער פאַרן גליק פון פאָלק.

און דעריבער בין איך געגאַנגען אָף דעם, אָף וואָס נאָר ווי אַן „אַדוואָ־קאַט" וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט געגאַנגען... און איך האָב בא־שלאָסן טאָן אַלץ, וואָס מע קאָן, קעדיי נאָר אַרויסרײַסן פון די הענט פון אָט דעם טאַליען זײַנע נײַע קאָרבאָנעס, ראַטעווען די מענטשן, וואָס זײַנען מיר טײַער!

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין טפיסע, האָבן די אַרעסטירטע מיר ווי־דער אַרומגערינגלט, אויפגערעגט, פאַרפלאָנטערט און היציק האָבן זיי געבעטן זיך אַרויסרײַסן זיי פון דער טליִע... זיי ווילן דאָך אַזוי לעבן, זיי ווילן דאָך אַזוי ניט שטאַרבן...

דענסטמאָל האָב איך געזאָגט צו זיי:

— אויב איר ווילט זיך ראטעווען, טאָ טוט דאָס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן. פריער פון אַלץ, די פּענעמער! באַ אַלעמען פון אײַך זײַנען צו גרויסע שטערנס! פרידמאַן, באַ אײַך איז אַ שטערן, פּונקט ווי באַם שרײַבער באַקל. אַזוי טאָר מען ניט! איר דאַרפט פונהינטן גוט אונטערשערן די האָר, פונפאָרנט לאָזן זיי לענגערע. און פאַרקאַמט די האָר אפן שטערן. מאַכט אַ קלײנעם טייל באַם נאָז, נאָר אַז מע זאָל דאָך ניט זען דעם שטערן! אַלע איבעריקע—זייפט אָן די קעפּ... און פאַרקאַמט אויך מיט די הענט די האָר אפן שטערן. זאָלן זיי זײַן צעפּודלט. דערפאַר וועט באַ קײנעם ניט זײַן אפילע קײן סימען פון אַ שטערן. נאָכדעם די קאָסטיומען: איר דאַרפט טאָן אַלץ, אַז אײַערע אָנצוגן זאָלן זײַן ווי באַ אָרעמעלײַט, באַ אָפּגעריסענע. אויב באַ אײַך זײַנען ניטאָ קײן צעריסענע, מאַכט פון זיי אַזעלכע. נעמט די הויזן, שנײַדט אויס פון זיי שטיקער און פאַרלאַטעט די פּידזשאַקעס. מיט שטיקער סכוירע פון די פּידזשאַקעס פאַרלאַטעט די הייזן. לאָזט אין גאַנג אויך דעם אונטערשלאַק. איר דאַרפט זײַן אַלע אין לאַטעס. און נאָך איין זאַך. פרידמאַן, אײַך באַשולדיקט מען אין דעם, אַז איר זײַט געווען דער הויפּט־אַגיטאַטאָר אף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען! דעריבער אין מעשעך פון פּראָצעס רעדט ניט אויס קײן איין וואָרט. וואָס מע זאָל אײַך ניט ריידן, ווי מע זאָל ניט פאָדערן קײן דערקלערונגען—איר זאָגט ניט קײן איין וואָרט. אף אַלע פראַגעס וועט איר ענטפערן מיט אַ פולקאָמען שווײַגן! און אויב נאָר די לאַגע וועט ווערן אומעגלעך, אויב דער פּאָרזיצער וועט אײַנגעאַקשנט צושטיין נאָך אַן ענטפער, דענסטמאָל זאָגט „אַ... אַ...‟ און מער גאָרניט! גוראַדיוק, אײַך באַשולדיקט מען אין דעם, אַז איר זײַט געווען דער הויפּט־אײַנאָרדענער פון די מיטינגען, אַז איר זײַט אַרומגעפאָרן אין די שכײנעסדיקע דערפער און שטעט, האָט אײַנגעלאַדן רעדנערס, אַז איר האָט געגעבן אײַער קוואַרטיר אף פאַרזאַמלונגען. איר ווייסט אפילע ניט דעם וואָרט „מיטינג‟. איר וועט אף אַלע פראַגעס וועגן מיטינגען ענטפערן: „איך ווייס ניט פון קײן מייטן‟. ווי עס וואָלט קלוימערשט געגאַנגען אַ רייד וועגן אַ וועלכן ניט איז דמיטרי. און ווי עס זאָל צו אײַך ניט צושטיין דער פּאָרזיצער, וועט איר אַלציינס ענטפערן איינע און דיזעלבע זאַך... איצט נאָך... איר, אַלע איבעריקע!—איוואַנאָוו, איר וועט קומען אין לאַפּטשעס, און איר—אַ באָרוועסער. אגעוו, אײַך, פרידמאַן, וואָלט ניט געשאַדט, אויב איר וואָלט צעריסן די קאַלאָשן און וואָלט זיי אָנגעטאָן אף די באָרוועסע פיס—אַזוי, אַז די פינגער זאָלן אַרויסקריכן... נאָכדעם—אַן אַלגעמיינער קלאַל: ווייניקער ריידן, מער שווײַגן, באַ אַלע אומשטאַנדן, וואָס פאַר אַ פאָרם דער פּראָצעס זאָל ניט אָננעמען...

אַזוי האָבן מיר זיך צונויפגערעדט... אפמאָרגן בין איך געקומען אין געריכט.

שוין באם אריַינגאנג האָט זיך צו מיר א וואָרף געטאָן א פאבריק־ארבעטערן, פרידמאנס וויַיב, וואָס האָט געגומען בעטן, אז איך זאָל זי צופירן כאָטש צום טיר פון דער זיצונג.

זי זעט אויס ווי א קורסיסטקע. אָנגעטאָן ריין, מיט געשאָרענע האָר, אינגאנצן ניט ענלעך אף אן ארבעטערן.

איך האָב זיך פאר איר דערשראָקן און האָב איר טייקעף געראָטן שנעלער אוועקגיין, וויַיל אויב דער פּאָרזיצער וועט זי דערזען, איז אלץ פארפאלן!..

דער געריכט־זאל האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א קליינעם צימער מיט ניט קיין געקאלכטע ווענט, מיט א לאנגן קיך־טיש, וועלכער איז פארן געריכט צוגעדעקט מיט א רויטער סאָלדאטישער געוואנט, מיט טישלעך פארן פּראָקוראָר און פאר דער פארטיידיקונג, מיט א פאָשעטער הילצערנער באנק פון ברעטער אף פיר פיסלעך, קאָנטיק, ספּעציעל געקראָגן פאר די באשולדיקטע, וויַיל אזעלכע בענק טרעפן זיך זייער זעלטן אפילע בא די הויז־וועכטער.

קאָנטיק, אז דער געריכט האָט זיך גערעכנט מיטן לאָשן פון געזעץ—„באשולדיקונג־באנק”, און האָט זיי ניט געוואָלט אוועקזעצן אף שטולן.

ווי נאָר איך בין אריַין אין זאל, האָב איך טייקעף דערפילט א „רוסישן גערוך”. מיר האָט עס בוכשטעבלעך אָפּגעשטויסן. דער זאל איז געווען א קליינער צימער, און אָט דער גערוך האָט אים געדיכט אָנגעפילט.

כאפנדיק א קוק אף פרידמאנען, האָב איך גליַיך באנומען, אין וואָס עס באשטייט די זאך: דעם פאסקודנעם רייעך אין זאל האָט פארשפּרייט זיַין פידזשאק.

דער אויסזען פון די אָנגעקלאָגטע האָט אריבערגעשטיגן אלע מיַינע דערוואַרטונגען.

אף פרידמאנען האָט דער אָנצוג פאָרגעשטעלט מיט זיך בוכשטעבלעך איינע לאטעס, פונקט ווי א באלעבאטישע קאָלדרע פון שטיקלעך ציץ. קיין לעבעדיקער אָרט איז אף אים ניט געווען: די הויזן האָבן געשיַינט מיט לעכער אף די קני, און פון די לעכער האָט געטארטשעט הוילער לייַב. די באָרוועסע פיס זיַינען געווען אין קאלאָשן, אויסגעשמירטע מיט וויַיכן ברויט, און די פינגער זיַינען פון זיי אָן קיין שום צערעמאָניעס ארויסגעקראָכן... אדאנק דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין שטערן, האָט זיך דער פּאָנעם פארוואנדלט אין א געזיכט פון א קרעטין.

די איבעריקע באשולדיקטע זיַינען געווען ניט בעסער.

איך האָב אין זיך בייַגעקומען דעם געפיל פון עקל, בין צוגעגאנגען צו פרידמאנען און האָב אים שטילערהייט געזאָגט:

— הערט, פרידמאן, ווו האָט איר געקראָגן אזא פּארגעניגן?

— צום גליק, וולאדימיר וויליאמאָוויטש — האָט ער געענטפערט, ווענדנדיק זיך צו מיר: — אומגעביטן באַם לעצטן קרימינעלן שלעפּער. איך האָב אָפּגעגעבן דעם שלעפּער דעם סאַמע בעסטן אָנצוג.

— אַזוי דאַרף מען — האָב איך געענטפערט: — איר האָט ניט געזשאַלעוועט קיין נייע הויזן, און, עפּשער, איז אין דעם די רעטונג!

ווען דער געריכט איז אַרויס, קעדיי עפענען די געריכט־זיצונג, האָט דער פּאָרזיצער, וואָס איז געווען לויטן גערוף דערקאָנען די אָנגעקלאָגטע, אויף דעם מאָל זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטש, וועלכער באַהערשט ווירקלעך דעם סאַמע פּאַרשפּיצטן שמעק־כוש. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל, איז ער אָפּגעשפּרונגען און פאַרקרימט זיך פון עקל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. נאָכדעם האָבן די ריכטער פאַרנומען די ערטער. אין זאַל איז געווען פּוסט, כּוץ אונדז — נאָר די וואַך און דער אַקאַלאַדאַטשנער בא די טירן. קיין צווייפל אין דעם, אַז אַ שרעקלעכער גערוך גייט פון באַשולדיקונג־באַנק — האָט ניט געקאָנט זיין. די אָנגעקלאָגטע זיינען פון קאָפּ ביז די פיס געווען פאַר די אויגן.

עס האָט זיך אָנגעהייבן דער געוויינלעכער פאַרהער פון די אָנגעקלאָגטע:

— אָנגעקלאָגטער פרידמאַן, צי האָט איר באַקומען דעם צעטל פון די ריכטער און דעם באַשולדיקונג־אַקט?

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— איך זאָג אייך, אָנגעקלאָגטער, צי האָט איר באַקומען די קאָפּיע פון באַשולדיקונג־אַקט און צעטל פון די ריכטער?

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— וואָס איז, איר פאַרשטייט ניט די רוסישע שפּראַך? מע זאָגט אייך אויף אַן עכטער רוסישער שפּראַך: צי האָט איר באַקומען די קאָפּיע פון באַשולדיקונג־אַקט און דעם צעטל פון די ריכטער?

פרידמאַן האָט, ווי פריער, געשוויגן.

— וואָס איז, איר זייט אַ טויבער? האַ? איר זייט טויב?

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— איך רייד דאָך צו אייך! וואָס שטייט איר ווי אַ קלאָץ? וואָס? האַ? האַ? באַקומען די קאָפּיע פון באַשולדיקונג־אַקט? דעם צעטל פון די איידעס באַקומען? נו, רעדט, רעדט! איך רייד צו אייך: דעם צעטל פון די ריכטער באַקומען? באַקומען?

— האַ? — האָט געפרעגט פרידמאַן.

— צום טייוול, ווער זייט איר? איר פאַרשטייט ניט, וואָס איך פרעג? האַ? איר פאַרשטייט ניט?

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— נו, זעצט זיך!

פרידמאַן האָט זיך געזעצט.

דער פּאָרזיצער איז אריבערגעגאנגען צום פארהערן די איבעריקע אָנגעקלאָגטע. אלע האָבן זיי אקשאָנעסדיק געשוויגן. שוין נאָכן דריטן פון זיי האָט ער א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, מיט פארוואונדערונג האָט ער זיך אָנגעבויגן צו איינעם פון די צייטווייליקע ריכטער, די פּאָלקאָווניקעס, און האָט גענומען זיך שושקען.

איך האָב פארשטאנען, אז די זאך גייט גוט: ס׳פּיקט.

מע האָט גענומען לייענען דעם באשולדיקונג־אקט. ווען ער איז דורכגעלייענט געוואָרן, האָט זיך דער פּאָרזיצער געווענדעט צום אָנגעקלאָגטן מיט דער פראגע.

— אָנגעקלאָגטער פרידמאַן! צי אָנערקענט איר זיך פאר שולדיק אין דעם, אז איר זייט געווען דער הויפּט־אָראטער אף פארשיידענע פארזאמלונגען, אז אף זיי האָט איר גערופן צו א באוואָפנטן אופשטאנד פון גאנצן פאָלק, אז איר האָט מיט געווער אין די הענט אראָפּגעריסן ארבעטער פון די זאוואָדן, אראָפּגענומען פּאָליציי־לייט פון דער וואך און אז עס איז ניט געווען קיין איין גרויסער מיטינג און קיין איין פארזאמלונג, אף וועלכער איר זאָלט ניט זיין דער הויפּט־אָראטער פון דער אָרטיקער רעוואָליוציאָנערער אָרגאניזאציע?

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— איך זאָג אייך נאָכאמאָל, צי אנערקענט איר זיך אין דעם פאר שולדיק? הא? רעדט! נו, רעדט!

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— איך פרעג אייך: צי אנערקענט איר זיך אין דעם פאר שולדיק?

פרידמאַן האָט געשוויגן.

— נו, וואָס איז מיט אייך? איר פארשטייט ניט, וואָס איך רייד צו אייך? איר פארשטייט, צי ניט? איך זאָג אייך, אז איר זייט געווען דער הויפּט־אָראטער אף אלע פארזאמלונגען. אזוי איז בא אייך אין באשולדיקונג־אקט אָנגעשריבן. איר האָט אף זיי געהאלטן רעדעס? צי אנערקענט איר זיך פאר שולדיק? נו?

— א?—האָט א ברום געטאָן פרידמאַן.

— אָבער ניט „א“ נאָר „בע“. וואָס איז דאָס פאר אן „א“?! איך דארף ניט אייער „א“. איר ענטפער מיר אף אן עמעסער רוסישער שפּראך! איר זייט געווען אף די פארזאמלונגען?

— א?

— צום טייוול! וואָס איז עס אזוינס? זעצט זיך. דער ווייטערדיקער, גראדיוק! צי אנערקענט איר זיך פאר שולדיק אין דעם, אז איר זייט געפאָרן אין

די שכיינעסדיקע שטעט, האָט איַינגעלאַדן אָראַטערס, רעדנערס אַף מיטינגען אַז איר האָט געגעבן איַיער קוואַרטיר אַף פאַרזאַמלונגען, אַז איר זיַיט געווען דער הויפּט־איַינאָרדענער פון מיטינגען, אַז איר זיַיט געפאָרן מיט אָראַטערס אַף מיטינגען, און אַז איר זיַיט געווען מיט אָט די אָראַטערס אַזוי נאָענט, אַז אַפילע, ווען איינער פון זיי איז אַרויסגעקראָכן פון שליטן, האָט איר זיך מיט אים עפּנטלעך צעקושט? צי אַנערקענט איר זיך אין דעם פאַר שולדיק?

גראַדיוק האָט געשוויגן.

— איך רייד צו איַיך אַף אַ פּאָשעטער און עכטער רוסישער שפּראַך: צי אַנערקענט איר זיך פאַר שולדיק אין דעם, אַז איר זיַיט געווען דער הויפּט־איַינאָרדענער פון מיטינגען? איר הערט? מיטינגען האָט מען איַינגעאָרדנט, צי ניט? האַ?

— איך קען ניט קיינשום מיטינען.

— אָבער ניט מיטינען, נאָר מיטינג!

— אַזוי אַז איך זאָג, איך ווייס ניט פון קיין מיטינען.

— און איך כאַזער איַיך איבער: ניט מיטינען, נאָר מיטינג! איר האָט איַינגעאָרדנט, צי ניט? רעדט! ווער האָט איַינגעאָרדנט? איר האָט איַינגעאָרדנט, צי ניט?

— אַזוי אַז איך ווייס ניט פון קיינשום מיטינען!

— צום טיַיוול, זעצט זיך!

גראַדיוק האָט זיך געזעצט.

נאָכדעם דער וויַיטערדיקער.

— צי אַנערקענט איר זיך פאַר שולדיק?

קיינשום ענטפער. אַן אַבסאָליוט שוויַיגן, ווי עס איז געווען פון פריִער אָפּגערעדט. און וואָס דער פּאָרזיצער האָט ניט געטאָן מיטן דריטן אָנגעקלאָגטן, ווי ער האָט אַף אים ניט געשריִען, ווי ער האָט ניט געדראָט, ווי ער האָט ניט אויסגעפרעגט, האָט יענער ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט!..

ער האָט אַפילע ניט אויסגעברומט קיַין איין אָס פון אַלע צוויי און דריַיסיק פון ריַיכן רוסישן אַלעפבייז...

— זעצט זיך!—האָט געזאָגט דער פּאָרזיצער און האָט זיך ווידער אָנגעבויגן צום שאָכן דעם פּאָלקאָווניק און, קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס, קאָנטיק, ניט אָנגעהייבן צו באַנעמען, וואָס עס קומט פאָר. ער האָט געוויזן אַף די אָנגעקלאָגטע. די ריכטער האָבן זיך וועגן עפּעס געשעפּטשעט.

נאָכדעם ווי דער פּאָרזיצער האָט אויסגעפרעגט אַלע איבעריקע אָנגעקלאָגטע און זיך גאָרניט דערשלאָגן פון זיי, האָט ער דערקלערט אַן א־בעריַיס. אַלע ריכטער זיַינען אַרויס אין באַראַטונג־צימער. נאָך זיי האָט זיך אויך אופגע־

הויבן דער פּאָלקאָווניק, דער געהילף פון מיליטערישן פּראָקוראָר, וועלכער כער האָט באשולדיקט אין דעמדאָזיקן פּראָצעס.

ווען, אין אביסל צײַט ארום, האָט זיך דער פּאָלקאָווניק ווידער באוויזן אין זיצונג־זאַל, בין איך צו אים צוגעגאנגען און געזאָגט:

— צי דען וועט איר דידאָזיקע מענטשן אופהענגען?

— נו, וואָס רעדט איר,—האָט ער מיר געענטפערט:—צי דען דערקלערט איר, אז אונדז פארשאפט פארגעניגן זיי צו הענגען? לאכלוטן ניט!

— יאָ, נאָר אָט, ווייסט איר, אלעמען הענגט מען. בא אײַך איז דאָ ניט מיליטער־צושטאנד, נאָר טויט־צושטאנד.

— נו. טויט־צושטאנד! צו וואָס איז דאָ דער צושטאנד! מיר פילן אויס אונדזער פליכט. הײַנט איז א גענעראל אף אײַער זײַט. נאָר וואָס בין איך געווען אינעם בעראטונג־צימער, און דער גענעראל האָט מיט א מינוט צוריק געזאָגט: וואָס זײַנען דאָס פאר א רעוואָליוציאָנערן? וואָס איז, איך קען זיי ניט? עס איז גלײַך קענטיק, אז ניט קיין רעוואָליוציאָנערן. וואָס פאר א רעוואָ־ליוציאָנערן זײַנען זיי? דאָס איז דאָך אן אויסגעטראכטער פּראָצעס. און איך קען ניט ניט אָנערקענען, אז אין באזונדערע פאלן טרעפן זיך פּראָצעסן, וואָס די פּאָליצײַ האָט זיי אויסגעטראכט, דאָס איז א קלאָרע זאך. דעם פּריסטאוו האָט זיך פארוואָלט פארדינען א העכערע שטעלע און ער האָט עס געמאכט. נו, וואָס איז דאָס פאר א רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט? וואָס בין איך א יינגל וואָס? און דאָס האָט גערעדט דער גענעראל! און איר—הענגען!...

ווען דער פּראָקוראָר האָט מיר וועגן דעם אינפאָרמירט, האָב איך פאר־שטאנען, אז איצט וועט דער „געריכט" זײַן ענלעך אף א געריכט, וועלכער הערט אויס סײַ די איידעס, סײַ די פארטיידיקונג, וועט באשטימען אן אור־טייל, און ניט א פאָרויס־צוגעגרייטן—„לויטן רייעך"...

דער איניען איז פאָרגעזעצט געוואָרן. עס זײַנען ארויסגעטראָטן פויערים־איידעס, וואָס האָבן ווי שטענדיק זיך געפּלאָנטערט אין די דאטעס, וואָס האָבן זיך ניט געקענט פאנאנדערקלײַבן אין דעם: ווען און אין וועלכער צײַט פון יאָר איז וואָס פאָרגעקומען.

אדאנק דעם איז געווען אפילע מעגלעכקײַט אייניקע געשעענישן אָפּטראָגן צום אָנהייב הארבסט, ביז די אָקטיאבערישע „פרײַהײַט־טעג". דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס דעם אָרטיקן פּריסטאוו האָט דער געריכט מער ניט געגלויבט.

און עס איז טאקע געווען פאר וואָס. ווען דער שטראָף־אָטריאד איז אָנ־געקומען צו אים אין דאָרף, פאָדערנדיק אָנווײַזן די מער שולדיקע, האָט דער פּריסטאוו, בא וועמען אפן טיש עס זײַנען געלעגן צוויי צעטלען—איינער פון די ניטפּינקטלעכע שטײַערן־צאָלער, הויזאייגנטימער, דער צווייטער פון רעוואָ־ליוציאָנערן, די מער געפערלעכע אין זײַן רײַאָן,—איז האָט ער גענומען אלפי־טאָ־

עס דעם צעטל פון די ניטפינקטלעכע צאָלער און האָט אים איבערגעגעבן דעם נאַטשאַלניק פון שטראָף־אָטריאַד, ווי אַ רעשימע פון די הויפּטשולדיקע אין די אומרוען אין דעמדאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל.

און די זקיינים־הויזאייגנטימער זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן צום צעשיסן...

נאָר דער אָפיצער האָט טייקעף באַמערקט, אַז די געבראַכטע צום צעשיסן זײַנען אויסשליסלעך זקיינים, דאָס האָט אים איבעראַשט. ער האָט זיך ניט גע־אײַלט מיטן צעשיסן. אין דער צײַט איז געקומען צולויפן דער פּריסטאַוו, וואָס האָט שוין באַוויזן צו זײַן אינדערהיים, און האָט דערזען דעם צעטל פון די רע־וואָלוציאָנערן אויפן טיש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט און געגעבן ניט יענעם צעטל, איז ער געקומען צופליען אָנווײַזן אויף זײַן טאָעס.

נאָכדעם האָט דער אָפיצער ניט דורכגעפירט די צעשיסונג, ער האָט דער־לייגט דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק וועגן דעם פּריסטאַווס ניטאויפמערקזאַמקייט, און דער איניען וועגן פרידמאַנען און אַנדערע, וועלכע דער פּריסטאַוו האָט אי־בערגעגעבן צום צעשיסן, איז אַריבער אויף באַטראַכטן צום מיליטערישן געריכט.

דידאָזיקע „מיספאַרשטייעניש״ פון פּריסטאַוו האָט זיך אײַנגעגעבן פעסטשטעלן אויפן געריכט, און זײַנע היציקע באַווײַזן האָבן בײַ די מיליטערישע ריכטער אין די אויגן אָנגעוואָרן זייער קראַפט, און דידאָזיקע באַווײַזן האָט שוין פריִער פאַרורטיילט דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, וועלכער איז געווען טעטיק אויפן אָרט.

פונדעסטוועגן האָט דער פּראָקוראָר געפאָדערט טויט־שטראָף.

נאָר גראָד דעם מאָל האָט דער גענעראַל וועקלער געווען מיט אונדז. ווען דער פּראָקוראָר האָט געענדיקט און איך האָב אָנגעהייבן ריידן, האָט דער גע־נענעראַל אַלס צייכן פון האַסקאָמע, לאַכלוטן ניט פאַרבאַהאַלטנדיק זײַן מיינונג גענומען שאָקלען צו מיר מיטן קאָפּ.

די ריכטער האָבן זיך דערווײַטערט אויף אַ באַראַטונג און אין גאָר אַ קור־צער צײַט אַרום האָבן זיי אַלעמען אַרויסגעטראָגן אַ באַפרײַונג־אורטייל.

אָפּגעזעגנט זיך אָפּגיך מיט די אָנגעקלאָגטע, האָב איך זיך געלאָזן אין האָ־טעל און נאָכדעם—אויפן וואָקזאַל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פון פרידמאַנען באַקומען אַ בריוו פון אַזאַ אינהאַלט:

„טײַערער פּאָטער אונדזערער, וולאַדימיר ווילאַמאָוויטש. מיר אַלע אָנגע־קלאָגטע, וואָס ליבן אײַך האַרציק, שיקן מיט טרערן אויף די אויגן, מיט גרוי־סער פרייד אײַך אַ הייסן גרוס אונדזערן און ווינטשן אײַך האָבן פרייד און יענעם גליק, וואָס מיר האַבן געהאַט מיט אונדזערע ווײַבער און קינדערלעך.

באַשרײַבן אײַך דאָסדאָזיקע בילד, וואָס איז געווען אין זאַסלאַוויע אויפן וואָקזאַל בײַ דער באַגעגניש מײַנער מיט אַלע פרײַנט און באַקאַנטע, וועל־כע זײַנען אַלע געפאָרן באַגעגענען. זיי זײַנען פאַרפאָרן צו מיר אַהיים

מיט אַלע אָנגעקלאָגטע און האָבן לאנג געפּײַערט פאר אײַער קאָסטבארן גע-
זונט. און עס האָבן זיך געלאָזט הערן הארצרײַסנדיקע אויסרופן: זאָל לעבן
וולאדימיר וויליאמאָוויטש! נידער מיטן אומענדלעכן ווילקיר! און לאנג וועלן
מיר האָבן דאָס גליק, אויב קײנער וועט ניט וואגן עס אומזיסט ארויסרײַסן. ווי-
איצטער שרעק איך זיך אפילע גײן אין מײַן דאָרף, ווײַל מיר קאָן נאָך אָט
דער טאליען סידאָרקין ארעסטירן און אָפּשיקן ווי א ניטזיכערן עלעמענט,
און איצט ווינט אין מײַן דאָרף דער אוריאדניק און קען עס פּולקאָם טאָן—
דער הער טאליען סידאָרקין איז א בארימער. אומזיסט זײַנען זיי זיך מיש-
טאדל, פרידמאנען וועט שוין מער אהיים ניט אויסקומען זיך אומקערן. נאָר
ער האָט פּעסט א טאָעס געהאט, און איצט ווענדע איך איך זיך צו אײַך נאָך
אן אײצע, וואָס זאָל איך טאָן? צי דארף איך וועגן דעם מוירע האָבן צי ניט.
איך קאָן אײַך דערציילן, אז איך צוזאמען מיט דער ווײַב האָבן זיך איצט גע-
גרייט פאָרן אײַך באגלייטן, דערפאָרן ביז אײַער האָטעל, ווו דער שווייצער
האָט געענטפערט, אז מיר האָבן שוין פארשפּעטיקט. ניט געקוקט אף דעם האָב
מיר אוועקגעיאָגט אפּן וואָקזאל. נאָר אײַער צוג איז שוין אוועק מיט אונדזער
באפרײַער. די פויערים האָבן געהייסן עטלעכע מאָל קושן אײַך פאר זיי, נאָר
עס איז שוין שפּעט געווען. מיט אכטונג פון אלע אָנגעקלאָגטע, וועלכע זיצן
לעם מײַן טיש, נאָר צוליב זייער ניט גראמטענעקײַט שרײַב איך זיך אונטער
פאר אלעמען. שליימע פרידמאן. מיט טיפער אכטונג לאָזט אײַך גריסן מײַן
ווײַב און זשאלעוועט, וואָס עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אײַך צו באגלייטן.

פרידמאן.

ליבער פרידמאן, ווו זײַט איר? רופט זיך אָפּ!
צי דען האָט דאָס לעבן אליין אײַך ניט געמאכט פאר א באלשעוויק?!



איבערגעכיטרעוועט

ווער זײַט איר? האָט געפרעגט דער נאַטשאַלניק פון איינער פון די פּראָווינציעלע טפּיסעס, קוקנדיק אפן ארבעטער, וואָס מע האָט אים ארײַנגעפירט אין קאַנצעלאַריע.

יענער האָט שמייכלענדיק, געשוויגן. בא אים צו דער זײַט איז געשטאַנען דער אָקאָלאָדאָטשנער פון אָכראַנקע מיט א פּאַקעט. דער זשאַנדאַרמישער אונטעראָפיצער האָט ארויסגעקוקט פון פּאָדער־צימער. איך בין געזעסן אָן א זײַט אף א צעראַטעטענער קושעטקע, ווארטנדיק ביז עס וועט זיך באַפרײַען די זעונגקאַמער פון פּארטיידיקער!

— ווער זײַט איר?—האָט איבערגעכאַזערט פּאַרכמורעט דער נאַטשאַלניק און ער האָט זיך שוין געגרייט ארײַנטראָגן די סטאַטיסטישע יעדיעס אינעם אַרעסטאַנט־צעטל.

— ווער זײַנען מיר אַזעלכע?—האָט, פארבאַהאַלטנדיק דעם שמייכל, איבערגעפרעגט דער ארבעטער.

— יאָ, איר?

— מיר?

— איר!

— אַן אײַנוווינער פון ערד־קויל, — האָט ווירדיק אויסגערעדט דער ארבעטער.

— איך פרעג אײַך וועגן דעם ניט. וואָס איז אײַער באַרוף?

— איך בין א רעוואָליוציאָנער.

— רעוואָליוציאָנער?! אָט ווי, ווײַזט מיר די דאָקומענטן, אַז איר זײַט א רעוואָליוציאָנער! ווו זײַט איר צוגעשריבן?

— צו דער פּאַרטיי. איך בין א מיטגליד פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּאַרטיי באָלשעוויקעס. דאָרטן בין איך צוגעשריבן,—

האָט שטאָלץ געענטפערט דער ארבעטער ניט נאָר פונדערהויך פון ערד־קויל, נאָר אויך פון דער גאנצער וועלט.

— ניט פילאָזאָפירט, לאכלוטן אומזיסט! — האָט געוואָרפן ווערטער דער טפי־סע־נאטשאלניק — איך האָב קיין צייַט ניט צו אייסעקן זיך, אָט א הארץ־ווייטיק, ביטאָ דער געהילף, אוועק — און אייסעק זיך. איר האָט א פאספאָרט?

— צו וואָס א פאספאָרט, ווען איך אליין בין דאָ?

— וואחפט אוועק דעם שפאס אָן א זייַט... — האָט אויסגעברומט דערדריקט־פארמאטערט דער נאטשאלניק.

— און איך מיין אָן קיינע שפאסן — מע וואָלט שוין אָפגענומען, אויב ער וואָלט געווען.

— מע דארף דאָך שרייַבן... קיינמאָל שרייַב איך ניט אליין.

— און איר, דער נאטשאלניק, אזוי פארשרייַבט, ווי אנוסטן האָט דער אָקאָלאָדאָטשנער פאר מיר אין די אויגן פארשריבן. מע האָט געבראכט אין צירקל א כאזער, א געהארגעטן אין גאָרטן, האָט דער אָקאָלאָדאָטשנער טאקע אָנגעשריבן צום פאָליצמייסטער א ווענדונג: „דערבייַ באגלייט איך א כאזער פון אן אומבאוווסטן בארוף”. אָט! פאר א געפייגערטן כאזער האָט זיך אויך גע־פונען א בארוף. צו דען קאָן מען ניט פאר א מענטשן קיין זאך ניט צוקלערן, כוץ א פאספאָרט.

— איר וועט ענטפערן? — האָט אים פּלוצים איבערגעריסן דער נאטשאלניק.

— ניין, איך וועל גאָרניט אָנהויבן צו ענטפערן, אפילע מיט פייַניקונגען וועט איר ניט נעמען! — האָט דערקלערט דער ארבעטער און האָט זיך איבער־געקוקט מיט מיר.

— אזוי איז ער אויך אין פאפיר פארשריבן ווי אן אומבאוווסטער, — האָט איבערגעבנדיק דעם פאקעט, באמערקט דער אָקאָלאָדאָטשנער.

— בא מיר זייַנען איצט פינף שלעפערס, און אלע וויסן ניט, ווער עס האָט זיי געשלייערט. איך וועל אים פארשרייַבן פאר אן „אומבאוווסטן אייַנ־וווינער פון ערד־קוגל”... אין פאל, אויב איר וועט אָנגעבן א ביטע, קאָנט איר זיך אזוי אונטערשרייַבן... איך דערלויב, הער סטודענט, איך זע אלץ אף דורך און דורך, הער סטודענט, קלוימערשט אן ארבעטער, און די פאָליצעישע בא־ציונגען באהאנדלט ער אזוי באוווסזיניק...

— וואָס, און עפשער בין איך אויך א פאָליציי־אגענט?! צו אייַך אהער גע־שיקט נאָכשפירן נאָך אייַך... — האָט א גענעץ געטאָן דער ארבעטער.

— אוועקפירן אים! — האָט א געשריי געטאָן דער נאטשאלניק.

מע האָט אים אוועקגעפירט.

— לויטן הונדערט דריטן ארטיקל, ערשטן טייל, ווערט ער באשולדיקט... — האָט אין פאפיר דורכגעלייענט דער נאטשאלניק.

— וואָס איז עס אזוינס?

... באַליידיקן דעם קייסער אין א ניכטערן צושטאנד, פולקום באוווסטזיניק און אין אן עפנטלעכן אָרט!...

— און וואָס דראָט אים?

— קאַטאָרגע ביז אכט יאָר...

— זיכערע, — האָט געזאָגט דער אָקאָלאָדאַטשנער, — ווי ער זאָל ניט מאכן קיין קונצן, וועט ער זיך פון איר ניט ארויסדרייען. אין פּראָטאָקאָל איז ארײַנגעטראָגן, אַז אויך אין מויל האָט געשמעקט דער דעזשורנער, און קיין שום ספּירט־אַלקאָהאָל האָט זיך ניט ארויסגעוויזן. שטעלט זיך פּאָר סארא האָזעסניק: אין טיי־הויז בא א גרויסן אוילעם האָט ער געזאָגט ערנסט, אָן לײַכטזיניקײַט, אז דער קייסער איז א גאנעוו און א שווינדלער!

*

אוועק זײַנען בא דרײַ כאַדאָשים. איך האָב באקומען א בריוו מיטן שטעמפּל פון פּראָקוראָר. „דער אײַנוווינער פון ערד־קויל" האָט געבעטן אָנעמען אף זיך זײַן פאַרטיידיקונג. ער ווערט באשולדיקט לויטן הונדערט דריטן ארטיקל. אין דער שטאָט איז בא מיר געגאנגען א צווייטע פאַרטיידיקונג. איך בין אוועק אין טפיסע. מע קאָן זיך פאָרשטעלן מײַן פארגעניגן, ווען מע האָט צו מיר געבראכט דעם „אײַנוווינער פון ערד־קויל". מיר האָבן זיך געטראָפן, ווי אַלטע באַקאַנטע.

— נו, דערציילט, — האָב איך אים געזאָגט, — אין וואָס באשטייט אײַער איניען?

— אָפנהארציק אַלץ?

— פארשטייט זיך!

— איך וועל אַלץ דערציילן! איר זעט, מע האָט דאָ ארעסטירט דרײַ כאַוויירים אונדזערע ארבעטער. אַלע גוטע יאַטן... עס איז געווען וויכטיק איבערגעבן זיי פון דער פרײַ, וואָרענען זיי: אינעם איניען האָט זיך ארויסגעוויזן א פּראָוואָקאַטער, אף אים, הייסט עס, קאָן מען אַלץ ארופוואַרפן. ער האָט קלוימערשט, די בלעטלעך צוגעשטעלט. און קיינעם גיט מען ניט קיין זעונגען... אין טפיסע זײַנע קיין איינצל־קאַמער ניטאָ. נאָר ארײַנפאַלן, וועט מען שוין קאָנען אַלץ איבערגעבן, צום טײַוול! וואָס טוט מען דאָ? נו, מע האָט באַדארפט אויסטראכטן אן איניען, ארײַנפאַלן אין טפיסע, און אַזוי, אז מע זאָל פון איר נאָכדעם קאָנען ארויסשפּרינגען...

— זײַט איר טאקע אין איר ארײַנגעשפּרונגען?

— טאקע ארײַנגעשפּרונגען! און איצט וויל איך ארויסשפּרינגען. נאָר עס ווײַזט זיך ארויס, אז עס איז שווערער די מײַסע...

— האָט איר זיך, הייסט עס, פאר א סאָציאַל־דעמאָקראט אָנגערופן?

— דאָס האָב איך, ווען איך בין אין טפיסע אריַין, געזאָגט דעם שויטע, דעם נאטשאלניק. ניין, איך האָב ארופגעשלעפּט אף זיך אן איניען, ווען באַלײדיקן זיַין מאיעסטעט. כ'האָב אויסגעזידלט דעם קייסער, נאָר קלוג! קיינעם, כוץ דעם קאסאָקן וואנקע האָב איך ניט באַליידיקט. כ'האָב אזא דריי געמאכט... די אָכראניקעס האָבן אונטערגעכאפּט און האָבן געהאָלפן. פון גאָרניט האָט מען אָנגעמאכט אזא גרויסן איניען. אָבער גענוג פאר מיר פיר כאדאָשים איפּעשדיקע קאמער, ציַיט ארויסגיין אף דער פריַי, נאָר מע האלט! יענע דריַי האָט מען שוין לאנג באפריַיט, און איך זיץ פאר אלעמען!

— נו, גוט, נאָר וואָס פאר א שייַכעס האָט אהער דאָס באַליידיקן דעם קאָסאָקן וואנקע?

— אָט אזוי, געמאכט אן אָנשטעל. וואנקע קאסאָקער האָט א צונעמעניש „קייסער”. אלציינס ווי א פאמיליע, זייער מישפּאָכע רופט מען דאָך אזוי. אלע ווייסן עס, האָב איך טאקע וואנקען הינטער די אויגן אויסגעזידלט. ער איז דאָך א גאנעוו, זאָג איך, אָט דער קייסער, בא זייער מישפּאָכע זיַינען אלע געווען רויבער. ער איז אן עמעסער גאנעוו, א בלוטזויגער, א רויבער פונעם פאָלק. און אזוי וואָס העכער איבערן גאנצן טראקטיר, כ'זע לעבן מיר א שפּיק, מע האָט געכאפּט. נו, כ'וועל ניט דערקלערן, וועמען כ'האָב געזידלט. איך שוויַיג. „טשעפּעט זיך אָפּ”!—זאָג איך. נו, האָבן זיי זיך, פארשטייט זיך אָנגעטשעפּעט. און דער איניען איז אוועק. שוין צום סאָף, נאָכן אָפּזיצן די דריַי כאדאָשים, ווען איך האָב זיך שוין מיט אלץ ספּראוועט און איבערגעגעבן די כאוויירים וואָס מע דארף, האָב איך אויסגעזאָגט די זשאנדארמען, ווער עס איז אזוינס דער קייסער. פריִער, זאָג איך, האָב איך ניט געוואָלט, אז מע זאָל בא דער מוטער מאכן אן אונטערזוכונג, דער אלטער אומזיסט באומרויִקן. דעריבער האָב איך זיך אָנגערופן „איַינוווינער פון ערד־קויל”—און האָדיע! און אָט וועלכן וואנקע־„קייסער” כ'האָב געזידלט. קליַיבט ספּראווקעס: פאר גנייווע צוויי מאָל אין טפּיסע געזעסן. קופער האָט ער פון קאזיאָנעם זאוואָד ארויסגעטראָגן, נאָכדעם האָט ער א פּידזשאק צוגעצויגן. דער ריכטער אליין האָט געמישפּעט און פארמישפּעט, און איר, אָט ווי איר נעמט זיך אָן פאר דעם שווינדלער דעם „קייסער”.—לאכט דער פּאָלקאָווניק: „אָט סארא נאִיווער מענטש! פארוואָס האָט איר פריִער ניט דערקלערט? איצט איז שוין די אויספאָרשונג פארענדיקט, עס לוינט בעסער גיכער זיך צו מישפּעטן, ווען ניט וועט אוועקגיין א נייַע אויספאָרשונג, נאָך דריַי כאדאָשים, און עפּשער מער וועט איר זיצן. נו, און ווען מע וועט איַיך איבערגעבן דעם באשולדיקונג־אקט, קליַיבט אויס א פארטיידיקער און בעט ארויסרופן איידעס”. דער אלטער שויטע האָט זיך אזוי צעלאכמערט, אז ער האָט אפילע געזאָגט: „איר קאָנט מיך אָנגריפן, אז איר האָט

געמאָלדן, נאָר עס איז געווען צו שפּעט״... ווי טראַכט איר, וועט מען געריכט ווען איך ארויספלייען?!

— און צי זיינען פאַראן איידעס, אז דעם קאָסאָקן וואַנקען דופּט מען „קייסער״?

— וויפל איר ווילט!

— און אז ער האָט א פּידזשאַק צוגעגאַנוועט?

— אלע ווייסן, נאָר די שפּיקעס אליין ווייסן ניט...

— זיי וועלן דערציילן?

— זיכער!

— איר וועט ארויספלייען. מיר וועלן ארויסרופן אויך דעם זשאַנדאַרמישן אָפיצער, נאָר אפן געריכט פלוידערט וואָס ווייניקער, מערניט דעם „קייסער״-זידלט נאָכאַמאָל אויס מיטן נאָמען גאַנעוו...

*

מע האָט ארויסגערופן די איידעס—באַוווסטזיניקע ארבעטער. זיי האָבן אלץ דערקלערט. די גנייווע פון פּידזשאַק האָט זיי זייער „אופּגערעגט״ און אפן געריכט האָבן זיי אויך געזידלט וואַנקען דעם קייסער ווער ווי א קונציקן באַנדיט, ווער ווי א פּאַסקודנעם גאַנעוו. געהאָלפן האָט אויך דער זשאַנדאַרמישער אָפיצער. די געריכט-פּאַלאַטע און באַזונדערס די שטאַנד-פאָרשטייער האָבן לוסטיק געלאַכט. „דער אייננוווינער פון ערד-קויל״ איז ארויס פון טפּיסע-שטייג אף דער פרייער לופט אונטערן גרענעצלאָזיקן הימל, וואָס ער האָט זי פאַרדינט.

גענדז האָבן רוים געראַטעוועט



פון איין פּאָליטישער פּאַרטיידיקונג בין איך געפאָרן גלייך אף אן אנדערער. פונעם קליינעם פּראָווינציעלן שטעטל פון מיירעוו-קאַנט האָט מען באַדאַרפט אריבערשפּרינגען אין א צווייטער ניטגרויסער שטאָט.

אומקערן זיך צוריק קיין פּעטערבורג און פאָרן פונדאָרטן וואָלט ניט געקלעקט קיין צייט. איך האָב טייער געהאַלטן יעטווידער מינוט. די צוגן זיינען געווען שלעכט צונויפגעפּאַסט. עס איז אויסגעקומען וואַרטן אף די סטאַנציעס צו 2-3-4 שאָ, קעדיי פאָרן איין שאָ און זיך ווידער איבערזעצן.

און אָט האָט מיין צוג פאַרשפּעטיקט. מיר זיינען אָנגעקומען אף א פאַרוואָרפענער סטאַנציע אף דריי-פערטל שאָ שפּעטער, ווי מע האָט באַדאַרפט

יענער צוג, אף וועלכן איך האָב באַדאַרפט פאָרן ווײַטער און אָפּפאָרן בעסאַ־באַקאַל זעכציק קילאָמעטער, איז שוין אוועק.
דער איניען האָט אָנגענומען אַן אומאָנגענעמע לאַגע.
אף דער נאָענטער סטאַנציע וואָלט איך באַדאַרפט וואַרטן פיר שאָ. אָבער פאַר דער צײַט דורכפאָרן זעכציק קילאָמעטער אף פערד איבער א שרעקלע־כער בלאָטע איז געווען פולקאָם אומעגלעך. אזוי אָבער האָב איך געפּאַטערט א מעסלעס און האָב ניט געקאָנט אָנקומען צו דער פאַרטיידיקונג. בא מיר זײַנען געווען אַלע פּאַפּירן פון די אָנגעקלאָגטע, אַלע פּראָטאָקאָלן. איך האָב שוין דערלערנט א קאָמפּליצירטן איניען, די אָנגעקלאָגטע האָבן געקאָנט בלײַבן אָן א פאַרטיידיקונג! און פון פאַרצווייפלונג האָב איך זיך געוואָרפן איבערן וואָקזאַל.
וואָס טוט מען?
עס איז געקומען דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק. איך האָב געפרעגט.
— צי וועט הײַנט גיין א לאַסט־צוג?...
— עס וועט זײַן.— האָט ער געענטפערט.
— ווען?
— אין א האַלב שאָ אַרום!
— און ווען וועט ער קומען אין...
— אין א שאָ דרײַ אַרום...
— אָט איז גוט,— האָב איך אַנטציקט אויסגעשריען,— אויב אזוי, קאָן איך פאָרן מיטן צוג און כ׳וועל פונקט באַווײַזן. דאָ איז דאָך נאָר צוויי דורכלויפן?
— יאָ, נאָר איך קאָן אײַך ניט לאָזן אין לאַסט־צוג. בא אונדז פאַרפאָלגט מען זייער שטרענג דערפאַר...
— פאַרוואָס?
— אין די לאַסט־צוגן ווערט ניט דערלאָזן קיינער, כוץ די אָנגעשטעלטע. איך קאָן אײַך ניט לאָזן.
— דעמלט וועל איך זיך זעצן אָן אײַער דערלויבעניש. טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט, באַשטראָפט, איך וועל פונדעסטוועגן מיטן לאַסט־צוג אוועקפאָרן.
מײַנע ווערטער האָבן אַרויסגערופן א פולקאָם אומדערוואַרטן רעזולטאַט.
— איוואַן,— האָט אויסגעשריען דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק צום גרויסגעוויקסיקן שוימער, גיי ניט אָפּ אף קיין איין טראָט פון אָט דעם הער. אויב ער וועט זיך זעצן אין לאַסט־צוג, רוף א זשאַנדאַרם.
— אָבער, פאַרשטייט, מיר איז דאָך נויטיק צו פאָרן! איך בין ניט שול־דיק, וואָס דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט! מיר דערוואַרט אַן ערנסטער איניען!...
— און בא אונדז איז א צירקוליאַר. אין די לאַסט־צוגן פירן פּאַסאַזשירן איז אַבסאָליוט פאַרבאָטן... בא אײַך איז אַן ערנסטער איניען, נאָר בא מיר

איז אויך ניט ווייניקער ערנסט. כ'וועל לאָזן, און מיר דראָט אָפּגעזאָגט צו ווערן פון דער שטעלע!...

— וואָס אָבער זאָל איך טאָן?!

— ווארטן ביז מאָרגן!

— איר לאכט?!

— געננוג, איר ווייסט ניט, ווי שטרענג עס ווערט בא אונדז פארפאָלגט דאָס אריבערפירן פּאסאזשירן אין לאסט־וואגאָנעס. דערהויפּט איצט! איר ווייסט עקספּראָפּריאציעס... פארטאָרמאָזירט דער צוג, אָנגעשטעלטע זיינען ווייניק... אַלץ, וואָס דו ווילסט, אינעם אָפענעם פעלד... אָט האָט מען אונדז דערקלערט... דעריקער א פרישער צירקוליאר... וועסט גאָרניט מאכן... איך וועל אַלע מיטלען אָנעמען, קעדיי אייך ניט לאָזן. איוואן וועט די גאנצע צייט ניט אָפּטרעטן...

איך בין געוועזן אינגאנצן נידערשלאָגן, געפּרווט איבערצייגן, דערוויזן, אז מיר שטייט פאָר אן ערנסטע פארטיידיקונג, ווידער באוויזן די דאָקומענטן, דעם ארויסרוף־צעטל.

אַלץ איז געוועזן אומזיסט. ער האָט איבערגעכאזוערט, אז ער קאָן ניט ריזיקירן מיט זיין שטעלע.

— וואָס איז אזוינס פארטיידיקונג?! און ווער וועט מיך שפּעטער פארטיידיקן! פאר אונדז איז דער צירקוליאר וויכטיקער פון דער פארטיידיקונג...

נאָך מיר איז ווי א שאָטן נאָכגעגאנגען איוואן. קיינע „דיפּלאָמאטישע" אונטערהאנדלונגען מיט אָט דעם יאט האָבן צו גאָרניט געבראכט...

פלוצים האָב איך אָן דער זייט דערהערט א שמועס. צוויי האָבן געשמועסט צווישן זיך.

— אָט אזוי פאָרט זי פון שטאָט צו שטאָט. און וווהין נאָר פאָרט זי ניט... אין פּיטער, אין מאָסקווע, כארקעוו, קיעוו, אין סיביר האָט זי זיך פארקליבן... אומעטום קאָן מען זי...' אין איין שטאָט אומגעפלויגן—אומגעפלויגן און אין א צווייטער... אין דער צווייטער גיט זי א פלי און ווידער. און איך בין ארמעטום מיט איר... אזוי פון שטאָט אין שטאָט. זי טוט נאָר איין זאך, זי פאָרט. צאָרעס האָב איך מיט איר... איצט רוט זי אין א מאיאָנטעק.

— א יונגע?

— וואָס פאר א יונגע!... אן אַלטע, ברודער, און אָט גיי! פאר יונגע ניט געגעבן געוואָרן:

מיך האָט פאראינטערעסירט זייער שמועס. איך בין צוגעגאנגען און געפרעגט

— ווער לויפט עס אַלץ און פאָרט?

— א, דאָס איז דאָך, פארשטייט איר מיך, א זאוואָדסקער פערד. מע שיקט אים אומעטום אױף לױפן. ער לױפט זיך אָן און פאָרט װידער. ער לױפט זיך אָן און פאָרט. און איך נאָך אים... איך פאָר פאר א באגלײטער...

איך האָב ניט איינמאָל געזען אין די לאַסט־וואגאָנעס פערד מיט באגלײטער. איך האָב זיך דערמאָנט טשעכאָווס דערציילונג וועגן דאָס אריבערפירן אָקסן...

— זאָגט, — האָב איך געפרעגט, — די באגלײטער לאָזט מען נאָר מיט פערד און פי אָדער מיט אנדערע באלעכײַים?

דאָס פעלצל האָט געענטפערט מיט א טאָן פון א געניטן מענטש:

— װי דען! אי מיט הינט לאָזט מען! שיקט אָפּ א הון, װעט מען מיט דער הון לאָזן א באגלײטער.

— עס קאָן ניט זײַן! — האָב איך אים איבערגעריסן.

— איך זאָג אײַך דעם עמעס, נעמט אפילע א הון און מיט איר װעט מען אויך א באגלײטער לאָזן!

איך בין צוגעגאנגען צום סטאנציע־נאטשאלניק. איוואן איז נאָכגעגאנגען נאָך מיר פונקט װי פריער, װי א שאָטן.

— הער נאטשאלניק, איר קאָנט דאָך מיר לאָזן אפן צוג פאר א באגלײטער!... מיט א הון אָדער א גאנדז...

איך האָב נאָך ניט באוויזן צו דערריידן, װי זײַן פּאָנעם האָט זיך אויסגעגן לײַטערט. קאָנטיק, אז דעם סטאנציע־נאטשאלניק האָט געעקבערט דער געוויסן. וואָס ער לאָזט מיך ניט. און אויך מײַן פארצווייפלונג איז געווען ניט קיין געמאכטע.

— געוויס, געוויס, איך קאָן, — האָט ער גענומען ריידן, פריילעך שמייכלענדיק, — אָט איז דער צירקוליאר!

— נו, טאָ זאָגט, װו זאָל איך דאָ קויפן א הון, א הון, א גאנדז אָדער אן ענטל, איך װעל זיי דערפירן און װעל זיי שענקען דעם שומער פון סטאנציע.

איוואן האָט זיך א כאַפּ געטאָן.

— אײַער הויכגעבורט, פאראן בא מיר א גאנדז. נעמט זי און פירט זי, דאָרטן דינט דער שוועער מײַנער פאר א באגאזשיר. פרעגט: אלע ווייסן! איז אָט אהין פירט זי טאקע אָפּ, און איך װעל בא אײַך פאר דער גאנדז גאָר ניט נעמען, אױף קליינקײַטן גיט נאָר!

אזוי האָבן מיר טאקע באשטימט.

איוואן האָט שנעל געפּאַקט די גאנדז און האָט זי געבראכט אין א צעבראָכענעם קערבל.

— אין פאל פון א קאָנטראָל, זאָגט, אז א דרעסירטן גאנדז...

איך האָב געגעבן איוואנען א האלבן קערבל, האָב באצאָלט פאר אריבערפירן די גאנדז „ווי פאר א פוד" נײַן קאָפּיקעס, און פאר מײַן דורכפאָר לויטן טאריף פון פערטן קלאס—בעסאכאקל, דוכט זיך, דרײַסיק קאָפּיקעס און האלטנדיק די גאנדז אין די הענט, האָב איך דערפילט, אז איך בין גרייט צו לאָזן זיך פליִען פון פרייד אין דער לופט.

טײַערע גאנדז—זי איז געווען געהאָרכזאם ווי א שעפעלע... אָבער האלטנדיק זי אונטערן אָרעם, האָב איך גלײַך דערוואָרבן גרויסע רעכט פון אן „אָנגעשטעלטן", האָב באקומען דאָס רעכט גרייכן אין דער צייט צו דער פארטיידיקונג...

ווען עס איז געקומען דער צוג, בין איך רויק ארײַן אין א ליידיקן לאסטוואגאָן. און נאָר דאָ האָט מײַן ניט דערצויגענע גאנדז אָנגעהויבן שרעקלעך צו שרײַען און אפילע רײַסן זיך אנטלויפן. נאָר איך האָב ניט מוירע געהאט. אירע פיסלעך האָט איוואן גוט געבונדן... אין וואגאָן האָב איך אײַנגעלייגט די גאנדז אין א ווינקל, איך אליין האָב זיך אוועקגעזעצט אפן טשעמאָדאן און אונטערן בראזגען פון צוג האָב איך פריילעך גענומען אונטערזינגען...

א גאנדז, א פּאָשעטע, א ניטגעבילדעטע גאנדז, האָט מיך געפירט אף א פּאָליטישער פארטיידיקונג!...





זשאק לאקאָמב

(דערציילט פון אן אָנגעקלאָגטן).

איך קאָנט ניט ריידן. יעדער אָנגעקלאָגטער האָט רעכט צו שווייַגן און קיינער ציט אים ניט פאַרן צונג...

זאָגנדיק... אָט די פייַנע ווערטער, האָט דער זשאנדארמישער פּאָלקאָווניק פרעגנדיק א קוק געטאָן אף מיר מיט „גוטמוטיקע” אויגן.

— אויב אזוי, וועל איך שווייַגן...

— דאָס איז אייַערע א פּריוואטע זאך... אָבער זייַט אזוי גוט, פארשרייַבט אין פּראָטאָקאָל, אז איר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן וועלכע ניט איז באווייַזן...

— מיט אלע קאָוועדן.

און איך האָב מיט צופרידנקייַט, סטארענדיק זיך זייַן פארשטענדלעך, אָנגעשריבן מיט א קלאָרער האנטשריפט מייַן ענטפער אף דער פראגע, צי אָנערקען איך זיך פאר שולדיק: „איך וויל שווייַגן”.

אונדזער שמועס האָט זיך ביז און נאָך דעם געפירט אין זייער א קאָרעקטן טאָן.

און ווען איך האָב געענדיקט שרייַבן, האָט דער זשאנדארמישער פּאָלקאָווניק, א כאסמע געגעבן מייַנע באווייַזן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, „דאָס ניטוועלן געבן באווייַזן”, פּונקט אזוי איידל, מיט א זייער קאָרעקטן שמייכל געזאָגט:

— נו, איצט ביטע...

— אלץ אהין?

— יאָ, עס וועט אויסקומען צו זיצן...

— אין דער גובערניאלער?

— פארשטייט זיך...

און וויפל פרײַנטלעכער מיטגעפיל איז געווען אין די ווערטער...

— אף לאנג?

— כ'ווייס ניט... עס ווענדט זיך פון אײַך...

— אויב אזוי וואָלט איך געוואָלט וואָס גיכער. זײַט מוידע אליין: זיצן אונטערן שלאָס איז ניט אזוי פריילעך...

ער האָט שווײַגנדיק און „ליבלעך" פאנאנדערגעפירט מיט די הענט, פונקט ווי ריידנדיק מיט זיי: „יאָ, פארשטענדלעך"!...

און מיך האָט מען אוועקגעפירט אין טפיסע. און ווײַטער האָבן זיך געצויגן די שרעקלעכע טעג פון איזאָלירטן ארעסט. איך האָב זיך באמיט ניט אונטערגעבן און אָפטמאָל באם דערמאָנען זיך וועגן מײַן לעצטן שמועס מיטן פּאָלקאָווניק, האָב איך געענטפערט זיך אליין אף אלע ספייקעס: „עס ווענדט זיך פון אײַך!" און איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן: געשוויגן און געזעסן, געזעסן, איבערכאזערנדיק אָט די ווערטער... פונקט ווי עס וואָלט ווירקלעך געווען פון מיר אָפּהענגיק דאָס זיצן אין טפיסע...

אין דרײַ כאדאָשים ארום האָט מען מיר ווידער געבראכט אין דער זשאנדארמעריע־פארוואלטונג, און ווידער האָט זיך אָנגעהייבן אלץ דערזעלביקער ליבלעכסטער אין דער וועלט „שמועס". יאָ, א שמועס פון שווײַגן און וועגן שווײַגן.

— צי ווילט איר ניט ענטפערן?! ביטע, באומרויקט זיך ניט! אײַער געזעצלעכע רעכט! אזוי וועלן מיר טאקע פארשרײַבן...

און מיר האָבן פארשריבן...

און באם געזעגענען זיך האָט דער פּאָלקאָווניק פונקט אזוי „ליבלעך" גערעדט:

— יאָ, אײַך וועט אויסקומען לאנג צו זיצן! מע קאָן גאָרניט טאָן! איר ווייסט, ביז מיר וועלן זיך אלץ אליין דערוויסן און פעסטשטעלן אָן אײַער הילף, וועט אוועקגיין ניט ווייניק צײַט! נו, אײַך איז עס, קאָנטיק, אויך ניט פארדראָסיק... נו, וואָס, זיצט!...

די טפיסע האָט מיך געבראכט אין פארצווייפלונג. ארבעטן, שרײַבן, לייענען האָב איך שוין ניט געקאָנט. און ווען די איינזאמקייט האָט אָנגעהייבן אראָפּפירן פון זינען, האָב איך באשטימט זיך צו פארווײַלן אין א שמועס מיטן ליבהארציקן פּאָלקאָווניק.

און דענסטמאָל האָב איך אים אָנגעשריבן א ביטע, זיך מישטאדל געווען ארויסרופן מיך אף „אף א שמועס".

אין א טאָג ארום בין איך געבראכט געוואָרן צום פּאָלקאָווניק.

ער האָט מיך געטראָפן, ווי א צעלאָזענעם זון, וואָס האָט זיך אומגעקערט אפן גלײַכן וועג. גוט אופגענומען...

— זייער ליבלעך, וואָס איר האָט אָנגעשריבן. איך בין זייער צופרידן צו שמועסן מיט אײַך...
— איך אויך... נו, וואָס הערט זיך נײַס אין דער פּאָליטישער וועלט?
— אין וועלכער—האָט מיט פארוווּנדערונג געפרעגט דער פּאָלקאָווניק..
— אָט איך לייען דאָך ניט קיין צײַטונגען, און איר לייענט... מיך אינטערעסירט די גאַנצע וועלט...
— אזוי!... קיין שום באזונדערס...
— נאָר וועגן וועלכע געשעענישן אינפאָרמירן די צײַטונגען?
— ווי שטענדיק, וועגן נארישקײַטן! נאָר, דערלויבט, איר האָט, דוכט זיך געבעטן אײַך ארויסרופן, קעדיי צו ריידן מיט מיר... איז האָב איך צו פּאָליטיק, און נאָכמער צו וועלט־פּאָליטיק, קיין שום שײַכעס ניט...
— אָ, ניין, איך וויל נאָך שמועסן...
— נו, איז לאָמיר צוטרעטן צום איניען...
— צו וועלכן?
— אײַערן... דערציילט, פון וועמען איז בא אײַך אָט דער בריוו... מיט אזעלכע געדאנקען?
— אנטשולדיקט, הער פּאָלקאָווניק, איר האָט אליין געזאָגט, אז לויטן געזעץ האָב איך רעכט...
— פארשטייט זיך, פארשטייט זיך...
ער האָט אָנגעקלונגען. עס איז ארײַן א זשאנדארמישער אונטער־אָפיצער.
— גיט א פאראָרדענונג טייקעף צוגרייטן א קארעטע. מע וועט דארפן אָפּפירן צוריק אַן ארעסטירטן.
דער פּאָלקאָווניק האָט אף מיר אָנגעוויזן מיט די אויגן.
— איר האָט גאָרניט וואָס צו זאָגן?—האָט ער געפרעגט, ווען דער אונטער־אָפיצער האָט זיך פארשווונדן הינטערן טיר.
— גאָרניט...
— עס וועט אויסקומען נאָך זיצן...
— מיט אלע קאָווערן...
און מע האָט מיך ווידער אוועקגעפירט...
נאָכדעם, ווען מיר איז אומעטיק געוואָרן פון איינזאמען לײַדן, האָב איך ווידער אָנגעשריבן דעם פּאָלקאָווניק, אז איך בעט ארויסרופן „אף א שמועס". איך האָב זיך נאָכאמאָל דורכגעפאָרן איבער די רוישיקע גאסן פון שטאָט אין פארוואלטונג ארײַן כאָטש אין א שטיקנדיקער קארעטע, נאָר מיט א קאָמפּאָרט און האָפענונגלאָזן טרוים וועמען ניט איז דערזען אָדער טרעפן. איך האָב ווידער געשמועסט מיטן פּאָלקאָווניק וועגן דעם באשולדיקטנס געזעצלעכסטן פון די געזעצלעכסטע רעכט און איך „האָב זיך ווידער צוריקגעקערט אין טפיסע ארײַן...

מײַן דריטע ביטע אַרויסצורופן מיך אויף א נײַעם שמועס האָט ניט געהאַט קיין שום דערפאָלג.

אוועק זײַנען זעקס כאדאָשים, און דער פּאָלקאָווניק האָט מיך ניט „אײַנגעלאדן". אפילו די ביטע אויסצוהערן, עמעס, אָן דער אָנווײַזונג וועגן וואָס אייגנטלעך, האָט ניט געהאַט קיין שום ווירקונג.

דער פּאָלקאָווניק האָט מיך געוואָלט נעמען מיטן מאטערן, איך אים — מיטן שווײַגן.

און איך האָב זיך געמאטערט אין טפיסע! פּארן בריוו פון א פלאפלער, פון א ליידיקגייער פון דער רעוואָליוציע, וועלכן איך האָב אפילו ניט באקומען, נאָר האָב „צופעליק" איבערגעלייענט אויף פּאָסט... איך האָב ווי פריער ניט געוואָלט אָנרופן אים, האָפנדיק צײַטנווײַז, אז ער וועט עס אליין טאָן...

און דער פּאָלקאָווניק האָט מיך אַלץ ניט ארויסגערופן. אָפּטמאָל האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אז ער האָט פּאָשעט פארגעסן וועגן מײַן עקזיסטענץ. מײַן מוטער, בא וועלכער איך בין געוועזן א בעניאָכיד, האָט געוווינט אין דער פּראָווינץ, און דאָ אין שטאָט איז ניט געווען קיינער פון די נאָענטע. און עס איז ניט געוועז ווער עס זאָל דערעסן, אָפּשלאָגן די שוועלן אין דער זשאנדארמעריע־פּאַרוואַלטונג, ניט געווען ווער עס זאָל דערמאָנען, דערמאָנען און מיט דעם אליין שטויסן פּאָרויס דעם איניען.

איך האָב נאָכאמאָל אָנגעשריבן דעם פּאָלקאָווניק, דעם פּראָקוראָר. ניט געוועז קיין ענטפער... און איך האָב געבראָכן דעם קאָפּ, ווי צווינגען זיי זיך דערמאָנען אָן מיר...

א וואונדערלעכער כאָכעם א טפיסע־פּאַרוואַלטער האָט צונויפגעשטעלט אונדזער ביבליאָטעק. קײַן גרעסערע נארישקײַטן, אומעטלעבנס און טאלאנטלאָזיקײַטן פון די „פּאָלק"־ביכלעך, וואָס האָבן פארפולט דידאָזיקע ביבליאָטעק, האָט מען זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן. און דאָס לייענען אזעלכע ביכלעך, דאָס געצוווּנגענע לייענען פון גאָרניט טאָן, איז געווען א צווייטע טפיסע — עפּשער נאָך אן ערגערע — א טפיסע פארן גײַסט...

און איך האָב זיך געמאטערט אויף אָט דעם לייענען, אריבערגייענדיק פון איין ביכל צום צווייטן, אומעטיק, בענקענדיק, שוועבנדיק אין די בילדער פון בלוטיקע מערדערײַען און מאָרדן. און איינמאָל, ווען פארמאטערט פון אזא לייענען, האָב איך דערפילט, אז מער לייענען בין איך ניט פעיִק, האָב איך באשטימט זיך פארנעמען מיט... פּײַן־שרײַבן!.. און גאָר פּאָשעט איבערשרײַבן פון אָט דעם נארישן ביכל „וועגן דעם בלוטיקן ריטשארד" און מיט דעם אָפּפּאטערן די צײַט! איך האָב געעפנט דעם ערשטן אָרט, וואָס איז ארײַנגעפאלן אין האנט. וואונדערלעך! ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א רירנדיקן בריוו פון אן אומגליקלעכן פארברעכער צום פּראָקוראָר, א בריוו מיט כאראָטע און

מוידע זײַן זיך אין א שווערן פארברעכן, אין הארגעגען א ליבלעכן ברודער...
דער בריוו איז געווען א געניטער. „איך קאָן מער ניט שווײַגן, דער געוויסן האָט מיך פארמאטערט!—האָט געשריבן דער אומגליקלעכער זשאק.—איך האָב לאנג באהאלטן אין דער נעשאָמע מײַן פארברעכן. אָבער די טפיסע, אײַנזאמקײַט און דעם ברודערס געשטאלט, וועלכער קומט קעסיידער צו מיר דורך אומבאוווסטע וועגן אין דער נאכט־שטילקײַט, צווינגט מיך ריידן. איך, איך, און ניט קײַן אנדערער האָב אים דערהארגעט! יענער כײַשער, געהיימניספולער מאָרד, וועלכער האָט געבראכט אין שרעק די גאנצע שטאָט, איז באגאנגען געוואָרן פון מיר! מײַנע הענט זײַנען אין בלוט, און אָט די בלוט שרײַט אויף... האָב אים דערשטיקט, איך אײַנער האָב פארבאהאלטן דעם טויטן קערפער אין א זעקל און האָב אוועקגעשלעפט אין אָזערע. דאָס האָב איך אויסגעשטאָכן אף זײַן פּאָנעם די אויגן, האָב אים צעפאלמעטעט, אז קיינער זאָל ניט קאָנען דערקאָנען. דער אומגליקלעכער אָפיצער, וועלכער איז געכאפט און ארעסטירט געוואָרן, לויט מײַן אָנווײַזונג, איז אין אָט דעם מאָרד ניט שולדיק“!
ווײַטער זײַנען אין בריוו געגאנגען „שוידערלעכע“ אײַנצלהײַטן פון דעם מאָרד אליין. איך האָב אים אראָפּגעשריבן פון אָנהייב ביזן סאָף, אויסער דעם אונטערשריפט „זשאק לאקאָמב“. ווען איך האָב געענדיקט די ארבעט, האָב איך מיטאמאָל א טראכט געטאָן: „צו וואָס זאָל זי פארפאלן ווערן אומזיסט? איך וועל אוועקשיקן מײַן ארבעט אף פײַן־שרײַבן צום פּאָלקאָווניק, זאָל ער זיך קוויקן, מיט וועלכע נארישקײַטן מיר,—אן אינזשענער,—קומט זיך דאָ אויס צו פארנעמען“... און איך האָב אָפּגעשיקט מײַן קסאוויאד צום ליבלעכן פּאָלקאָווניק, צוגעבנדיק דערצו אײַגנע... „דאָס האָט מיט דער אײַגענער האנט געשריבן פונאָנהויב ביזן סאָף דער אינזשענער איוואן פּעטראָוו“. אוועקגעשיקט—און צוליב דעם טפיסע־אומעט אפילע פארגעסן וועגן דעם...
אוועק זײַנען פיר טעג. פּלוצים קומט ארײַן אינדערפרי צו מיר אין קאמער דער עלטסטער אופזעער.

A-8270.

— טוט זיך אָן שנעל, מע רופט אין דער זשאנדארמעריע־פארוואלטונג מע אײַלט!..

איך האָב זיך דערפרייט און זיך געײַלט. איך קום צופאָרן, מע פירט אין! קאבינעט פונ נאטשאלניק. אפן טיר אן אופשריפט. אין דער לופט פילט זיך עפעס פײַערלעכעס. אין קאבינעט איז כוצן, נאטשאלניק, מײַן בעסטער פּאָלקאָווניק, מיט אן ערנסטן, זאכלעכדיקן אויסדרוק אפן פּאָנעם. דאָ איז אויך דער געהילף־פּראָקוראָר. אינ שליפעס. מיך בעט מען זיך צווען אפ א גרויסארטיקן ווייכן שטול, וואָס איז באצויגן מיט זײַד. איך גיב זיך צופרידן א צי אויס אף אים. צום פארהער טרעט צו דער נאטשאלניק, א גענעראל. בא אים אין די הענט... מײַן קסאוויאד!... ווען איך האָב דערזען דעם זשאקס

בריוו, האָב איך זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער! נאָר די אַלגעמיינע פריילעכקייט האָט מיך צפּגעהאַלטן.

— דאָס האָט איר געשריבן?—האָט זיך צו מיר גאסטפריינטלעך געווענדעט דער גענעראל.

— איך...—איז געקומען דער סאמע באשיידנסטער ענטפער אין דער וועלט.

— איר מיט אייער אייגענער האנט?... איר אנערקענט?...

— פארשטייט זיך!...

— ווי אזוי איז דאָס אַלץ בא אייך פאָרגעקומען?...

— פון איינזאמקייט.

— און איר האָט פון איינזאמקייט באשלאָסן?...

— יאָ... וועגן מיר האָט מען פונקט ווי פארגעסן, און איך האָב געוואָלט דערמאָנען וועגן זיך...

— דאָס הייסט, ווי זאָל מען דערמאָנען?! צי דען, דערמאָרדנדיק אייער ברודער, האָט איר ניט דערפילט...

— צום ערשטן מאָל הער איך וועגן אזא מאָרד!

— הערט אוף צו שפאסן. דאָס איז אן ערנסטער איניען...

— וואָס פאר א שפאס?! בא מיר איז קיינמאָל קיינשום ברודער ניט געווען...

— וואָס הייסט ניט געווען!.. און דער דערמאָרדעטער?

— וועלכער?

— יאקאָוו!

— איך פארשטיי גאָרניט!..

— אָבער איר שרייבט דאָך!

— דאָס איז ניט איך!

— טאָ ווער איז עס, כאפט עס דער טייוול!

— דאָס שרייבט זשאק לאקאָמב!

— וועלכער?

— דער העלד פונעם בולוואַרן־ביכל „וועגן בלוטיקן ריטשארד", וואָס איך האָב באקומען פון דער סאמע קאזיאָנישער, פון דער טפיסע־ביבליאָטעק...

— איר מאכט כוזעק?

— קיין האָר ניט! דער אומגליקלעכער זשאק לאקאָמב האָט געטאָן אָט די נאָרישקייטן אונטערן טייטל פונעם „בלוטיקן ריטשארד". און איך האָב זי וואָרט אין וואָרט איבערגעשריבן...

— עס קאָן ניט זיין!

— אויב איר ווילט, שיקט נאָכן „בלוטיקן ריטשארד". ער איז בא מיר אין קאמער אפן טיש... גרינג זיך צו איבערצייגן: איבערגעשריבן וואָרט אין וואָרט...

— וואָ־ס?

— בוכשטעבלעך! פון בענקשאַפט האָב איך זיך פאַרנומען מיט איבערשרײַבן פון ביכל.

— אָט זעט איר, איך האָב געזאָגט! — האָט אויסגעשריִען דער געהילף־פּראָקוראָר, — איך האָב די גאַנצע צײַט געזאָגט, אַז דאָ ליגט עפּעס פאַרבאַהאַלטן... און איר האָט זיך אַזוי געקאָכט!

— נאָך ווי, אַן אָפּיצער איז אומשולדיק אַרעסטירט!

— איר האָט מיר געצווונגען אָנשרײַבן וועגן דעם מיניסטער...

— איר האָט אַליין געזאָגט, אַז אהין קומען אָן קופּאָנעס וועגן די נײַע איניִאַנים פון אַלע געריכט־אויספאָרשער... איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז נאָר אין מיניסטעריום...

— יאָ, אָבער איצט שרײַב זיך אָפּ, מיט וואָס וועל איך דאָס אַלץ דערקלערן?!

— מיט דעם, וואָס זייער לאַנג האָט מען מיך געהאַלטן אין טפּיסע, און איך האָב אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון זינען, — האָב איך באַשיידן אַרײַנגעזאָגט...

— נו שוין! אָנעמען זשאַק לאַקאָמבן פאַר אײַך — דאָס איז פּינקטלעך... און איר זיצט דאָך עפּעס מיִעס...

— הער פּראָקוראָר, איך בעט אײַך וואָס גיכער אָפּלאָזן מײַן נעשאָמע אין איר רו אַרײַן! בעעמעס, א יאָר פון מײַן שווײַגן דערווײַזט, אַז איך וועל ניט אָנרופן דעם פלוידערזאַק דעם אוטער פון בריוו...

— איידער אײַך באַפרײַען, דאַרף מען זיך אַלנפאַלס איבערצײַגן, אַז איר האָט ווירקלעך אַראָפּגעשריבן פון ביכל. איך וועל באַלד דורכן טעלעפאָן אַרויספאָדערן דאָס ביכל, — האָט געזאָגט מײַן „ליבלעכער" פּאָלקאָווניק...

— יאָ, יאָ, דאָס ביכל וועט אויסקומען שיקן מיט א פּאַפּיר דעם מיניסטער...

זיי האָבן זיך איבערצײַגט, אַז איך האָב אפילע ניט דורכגעלאָזן קיין איין קאָמע, און דעמזעלבן טאָג האָט מען מיך באַפרײַט.

ווען איך בין אַרויס אָף דער פרײַ און איך האָב זיך געַנוי דערוווסט, אַז דער אוטער פון בריוו איז געשטאָרבן, האָב איך זיי אינפאָרמירט זײַן נאָמען... און וואָס מיינט איר? מיך שיקט מען איצט אַדמיניסטראַטיוו אַרויס... איך רעכן, אַז דאָס איז פאַר זשאַק לאַקאָמבן, ווײַל אויסער דעם איז ניטאָ פאַר וואָס? אָט זײַנען שוין טאַקע בעעמעס געערעכט די כאַכאָלן, ווען זיי זאָגן: דריי זיך אום — שלאָגט מען, דריי זיך ניט אום — שלאָגט מען!.. ווײַל, ווען איך בין אַרויס פון טפּיסע, האָב איך דאָך געבענטשט זשאַקס נאָמען, און איצט...

צי קאָנט איר ניט, הער אַדוואָקאַט, העלפן מיט אַן אָנווײַזונג ווהין זיך צו ווענדן?..

אינהאַלט.

	זײַט
א וויכטיק ביכל פאַרן יונגן דאָר	5
„מאַקסוועלער איניען"	7
„א זעלטענע פאַמיליע"	14
א צופעליקער קאָרבן	15
אויסגעפרעגט	17
ערגערט זיך, באַנדיטן	22
מאַטעמאַטיק	25
„אַן אייביקער אָרט".	29
א פוס פאַר 20 קאָפּיקעס	31
פּראָלעטאַריער, פאַרייניקט זיך!	32
אויסצייכענונג־סימאָנים	35
„ניטאָ קיין קאָוועד באַם אַרבעטער"	36
א שטעמפּעלע	39
פּראָוואָקאַטער	43
די פּאָלטאַווער אומרוען	46
א יידישער פּאָגראָם.	62
דער בייל	69
אַרויסגעדרייט זיך	73
איבערגעכיטרעוועט	84
געענדיגט האָבן רוים גערעטעוועט	88
זשאַק לאַקאָמב	93